YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv14i07

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 14 Issue 7
August 1932

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 14, Iss. 7)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/489

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אַפּיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן

Vol. XIV. No. 7. **Jersey City, N. J., August, 1932** **Price 10 Cents**

די געװינסען פון דעם ניט־געסטרייקטען סטרייק פון די קלאָוקמאַכער

דער ערװאַרטעטער גענעראַל סטרייק אין דער קלאָוק־אינדוסטריע פון ניו יאָרק איז פאַרמידען געװאָרען.

און די קלאָוקמאַכער מעגען זיך גראַטולירען, װאָס זיי האָבען אָהן אַ אָפּענעם קאַמף דערגרייכט אַן אַגרימענט, װאָס איז אונטער די אומשטענדען אַ גאַנץ באַזונדערס גינסטיגער.

עס דאַרף פאַר קיינעם קיין סוד ניט זיין, פאַר די קלאָוקמאַכער געװיס ניט, אַז עס איז אין דער איצטיגער צייט גאָר ניט געװען קיין לייכטע אויפגאַבע דורכצופיהרען אַ גענעראַל סטרייק אין דער קלאָוק־אינדוסטריע. עס איז אמת, אַז די קלאָוקמאַכער זיינען געװען גרייט צו סטרייקען און צו טראָגען אַלע שװערע ליידען פון סטרייק. אָבער קאַמפּסלוסטיגקייט אַליין איז נאָך ניט גענוג דורכצופיהרען אַ גרויסען סטרייק. צו דעם קאַמפּס־גייסט דאַרף אויך די יוניאָן האָבען אַ קאַמפּס־קאַסע און גראָד דאָס לעצטע איז ניט געװען אין דער בעסטער אָרדנונג.

און װאָס האָבען די קלאָוקמאַכער געקענט דערװאַרטען צו געװינען, װען אפילו אַ סטרייק װאָלט דורכגעפיהרט געװאָרען און ער װאָלט אויך געװען ערפאָלגרייך? האָבען זיי געקענט אין דער איצטיגער צייט דערװאַרטען מעהר װי זיי האָבען געװאונען דורך זייער ניט־געסטרייקטען סטרייק?

װאָס זיינען געװען די שטרייט־פונקטען אין דעם קאַמף צװישען די קלאָוקמאַכער און זייערע באַלעבאַטים?

די באַלעבאַטים האָבען געװאָלט אָפּשאַפען די איצטיגע סיסטעם פון װאָך־אַרבייט און איינפיהרען אַ „װיסענשאַפטליכע" סיסטעם פון שטיק־אַרבייט. עס הייסט ניט די אַמאָליגע אַלטע סיסטעם פון שטיק אַרבייט צו װעלכער מען האָט נויטיג געהאַט פרייז־קאָמיטעס און דינגען זיך װעגען פרייזען, נאָר אַ נייע „װיסענשאַפטליכע" סיסטעם װאָס די פרייזען פון דער אַרבייט װערען באַשטימט אַזוי צו זאָגען פון זיך. „סאַיענטיפיק מעזשורמענט" הייסט די נייע סיסטעם. און אויב מען מעג צװייפלען אין איהר װיסענשאַפטליכקייט איז עס אָבער ניטאָ קיין צװייפעל, אַז פאַר די אַרבייטער איז זי נאָך אַ סך ערגער פון דער אַלטער סיסטעם פון סעטלען פרייזען.

די קלאָוקמאַכער האָבען געפאָדערט, אַז ניט נאָר מוז די סיסטעם פון װאָך־אַרבייט פאַרבלייבען, נאָר עס מוז אויך געשאַפען װערען אַ צושטאַנד, אַז די װאָך־אַרבייט סיסטעם זאָל קענען בעסער אָפּגעהיט װערען. פאַר דעם צװעק האָט די יוניאָן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון באַגרענעצען די צאָהל קאָנטראַקטאָרס צו װעלכע אַ מאַנופעקטשורער אָדער אַ דזשאָבער זאָל קענען אַרויסגעבען זיין אַרבייט.

עס איז איינער פון די אומגליקען פון דער קלאָוק־אינדוסטריע, װאָס אין איהר האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנטװיקעלט די סיסטעם פון קאָנטראַקטאָרס און סאָב־מאַנופעקטשורערס. די דאָזיגע סיסטעם האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנטװיקעלט דורכדעם, װאָס דאָס איז געװען איינע פון די װעגען און מיטלען פאַר אַ מאַנופעקטשורער אָפּצונאַרען די יוניאָן. אָנשטאָט צו מאַכען די אַרבייט ביי זיך אין שאָפּ, װאו ער האָט געמוזט אָפּהיטען די יוניאָן־באַדינגונגען, האָט ער אװעקגעגעבען די אַרבייט צו קאָנטראַקטאָרס, װעלכע האָבען זיך געקענט אין גאַנצען אויסבאַהאַלטען פון דער יוניאָן, אָדער װעלכע האָבען געקענט צװינגען זייערע אַרבייטער, אַז זיי זאָלען בשותפות מיט זיי באַשװינדלען די יוניאָן. און װען די יוניאָן האָט שוין אפילו אויסגעפיהרט, אַז די מאַנופעקטשורערס אָדער דזשאָבערס, װעלכע זיינען פאַקטיש אויך מאַנופעקטשורערס, זאָלען געבען זייער אַרבייט בלויז צו אַזעלכע קאָנטראַקטאָרס, װאָס האָבען יוניאָן־שעפּער, איז דערפון אויך ניט פיל געװאונען געװאָרען. די מאַנופעקטשורערס און די דזשאָבערס האָבען זיך געקליגט צו באַשאַפען אַזאַ גרויסע קאָנקורענץ צװישען די קאָנטראַקטאָרס, אַז זיי קענען ניט אָפּהיטען קיין יוניאָן־באַדינגונגען אין זייערע שעפּער, װען זיי װאָלטען עס אפילו װעלען. קאָנטראַקטאָרס זיינען פאַראַן אַ סך און יעדער מאַנופעקטשורער קען זיך אויסקלייבען צו געבען זיין אַרבייט צו אַזוי פיל קאָנטראַקטאָרס װיפיל ער װיל און ער קען שניידען די פרייזען װי טיף־ער װיל, און װען דער מאַנופעקטשורער שניידט פון קאָנטראַקטאָר, שניידט דער קאָנטראַקטאָר פון זיינע אַרבייטער און די מורא פאַר בלייבען אָהן אַרבייט איז ביי דעם קלאָוקמאַכער איצט אַזוי גרויס, אַז ער פיהלט זיך געצװאונגען אָנצונעמען יעדען פרייז, װאָס דער קאָנטראַקטאָר גיט איהם, און צו אַרבייטען אויף די ערגסטע באַדינגונגען, װאָס ער שלאָגט איהם פאָר.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט דעריבער געפאָדערט, אַז אָט די האַלז־שניידענדע קאָנקורענץ, װאָס די מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס האָבען זיך געקליגט איינצופיהרען אין דער קלאָוק־אינדוסטריע, זאָל באַשרענקט װערען. זי האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל פאַר יעדען מאַנופעקטשורער און דזשאָבער באַשטימט װערען אַ געװיסע צאָהל קאָנטראַקטאָרס, װעמען זיי זאָלען קענען געבען זייער אַרבייט. יעדער מאַנופעקטשורער קען זיך אויסקלייבען װעלכע קאָנטראַקטאָרס ער װיל, אָבער בלויז אַזוי פיל װיפיל ער האָט נויטיג צו מאַכען זיין אַרבייט. עס קען ניט ערלויבט װערען אַ מאַנופעקטשורער אַרומצוגעהן מיט זיין אַרבייט צו א ל ע קאָנטראַקטאָרס פון ניו יאָרק און שאַפען צװישען זיי אַלע אַ קאָנקורענץ, כדי צו קריגען פון זיי די ביליגסטע.

אין קורצען, דער שטרייט איז געװען װעגען צװיי פונקטען: װאָך אַרבייט און „לימיטיישאָן אָװ קאָנטראַקטאָרס". און אָט פאַר די צװיי פאָדערונגען זיינען די קלאָוקמאַכער געװען גרייט צו סטרייקען.

האָבען אָבער די קלאָוקמאַכער געקענט האָפען, אַז זיי װעלען די ביידע פאָדערונגען אין גאַנצען געװינען דורך אַ סטרייק? אַזוי אָפּטימיסטיש האָבען זיי ניט געקענט זיין. זיי װייסען װי די צייט איז און װי די צושטענדען זיינען און אַז איבריגענס ניגסטיג פאַר אַ סטרייק זיינען זיי ניט. די קלאָוקמאַכער װייסען, אַז נאָר שטאַרקע, גרויסע און רייכע יוניאָנס האָבען זיך גערעכענט מיט דער צייט און מיט די אומשטענדען און האָבען זיך געפיהלט גע־

פרעזידענט דובינסקי פראטעסטירט געגען דעם רעגירונגס־טעקס אויף פאר־טרימינגס

פרעזידענט דייוויד דובינסקי האט צוגעשיקט א טעלעגראמע צו קאנגרעסמאן לאגארדיא, אין וועלכער ער פראטעסטירט שארף געגען דעם אפצאהל, וואס די פעדעראלע רעגירונג האט ארויפגעלעגט אויף פוטערווארג און הויפּטזעכלאך אויף פאר־טרימינגס וואס ווערט אנגענעהט אויף קלאוקס און דרעסעס. פרעזידענט דובינסקי פאדערט אויף קאנגרעסמאן לאגארדיא אריינצוברענגען אין קאנגרעס אן אמענדמענט צו דעם נייעם טעקס־געזעץ ארונטערצונעמען דעם אפצאהל אויף פאר־טרימינגס, וואס וועט פיל שעדיגען די פרויען קליידער אינדוסטרי און נאך פארגרעסערען די ארבייטסלאזיגקייט צווישען די קלאוק און דרעס מאכער וועלכע איז שוין אהן דעם טעקס אויך זעהר גרויס. די טעלעגראמע לעזט זיך ווי פאלגט:

„קאנגרעסמאן פ. ה. לאגארדיא,
וואשינגטאן, ד. ק.

אין נאמען פון 50 טויזענד ארבייטער פון דער קאוט און סוט אינדוסטריע אין גאנצען לאנד, וועלכע זיינען מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, בעטען מיר אייך באלד אריינצוברענגען אזעלכע געזעץ־פארשלאגען ווי עס וועלען זיך פאדערען צו אמענדירען דעם געזעץ, וועלכער לעגט ארויף אן אפצאהל אויף פוטערווארג אום צו פארמיידען דעם חורבן, מיט וועלכען דער געזעץ, אין זיין איצטיגער פארם, וועט זיכער ברענגען איבער דעם וואס ער באריהרט ארום 90 פראצענט פון די פרויען־מאנטלען וואס ווערען פראדוצירט אין די פאבריקען וואו אונזערע מיטגלידער ווערען באשעפטיגט. ווי דאס געזעץ איז איצטער, לעגט עס ארויף אן אפצאהל ניט בלויז אויף פוטערווארג נאר איז א טעקס אויף קליידער, וואס איז ניט קיין לוקסוס־ארטיקעל נאר א לעבענס־נויטווענדיגקייט פאר די גרויסע מאסען אמעריקאנער פארברויכער. עס איז אן אפצאהל אויף דער ארבייט וואס אונזערע מעמבערס טוען. דאס איינפיהרען פון אזא טעקס וועט שטארק פארקלענערען דעם פארקויף פון פרויען־מאנטלען און דער קריזיס און ארבייטסלאזיגקייט אין אונזער אינדוסטריע וועט דורך דעם שטארק פארערגערט ווערען.

מיר ווענדען זיך צו אייך אלס צו איינעם, וועמען די אינטערעסען פון די לוין־ארבייטער זיינען אלעמאל געווען נאהענט צום הארצען, און מיר ווייסען אז איהר וועט באקעמפען וועלכע עס איז העכערונג אויף דעם פרייז פון קליידער פאר אונזערע ארבייטער און זייערע פאמיליעס פונקט ווי פאר די פאמיליעס פון מיליאנען אנדערע ארבייטער אין דער איצטיגער ביטערער צייט.

וואס נאר איהר וועט קענען טאן צו באשיצען די לעבענס־מעגליכקייטען פון די ארגאניזירטע ארבייטער, וועט שטארק אנערקענט ווערען פון אונזער ארגאניזאציע און אונזערע מיטגלידער.

דייוויד דובינסקי, פרעזידענט.

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

(שלוס פון זייט 17)

עקספלואטאציע שעפער, „גארנעל"־שניידענדע שעפער — אבי זיי פאסען זייערע „וויסענשאפטליכע „מארק־אפס".

אט פון דעם בינטעל סללות, צוזאמען מיט'ן אלגעמיינעם קריזיס, ליידען יעצט אונזערע מעמבערס, וועלכע ארבייטען ביי דער בילינגסטער פון דער בילינגער לאין. אלע עקספערימענטען ווערען געמאכט אויף אונזער לאין ארבייט.

מיר האבען לעצטענס געהאט א גרויסע צאהל באנקראטען, לאק־אוטס, סטרייקס און מיר האלטען זיך אן אונזערע באדינגונגען מיט דער גרעסטער ענטשלאסענהייט.

אונזערע מעמבערס גיבען זיך ניט אונטער אזוי לייכט. זיי באקעמפען יעדע אטאקע. זיי שלידערען צוריק יעדען אנגריף. מיר מוזען אבער קוקען אויף דער לאגע מיט אפענע אויגען. מיר ווייסען, אז די שלאכט האט זיך ערשט אנגעהויבען און איז נאך ווייט ניט געענדיגט. לאמיר, אלע ריפער מאכער, זיין גרייט אויף דאס ערגסטע. לאמיר זיך אלע גרייטען צום קומענדען גענעראל סטרייק. לאמיר זיך אננעמען מיט דעם מוט פון 1907.

רוף פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו צו די מעמבערס צו גרייטען זיך צום קלאוק סטרייק

ברידער און שוועסטער!

מיר שטעהען איצט אויפ'ן שוועל פון גרויסע פאסירונגען אין דעם לעבען פון אונזער ארגאניזאציע און אין אונזער אינדוסטריע. עס האלט ביי א קאמף, אין וועלכען עס איז פארוויקעלט דער שיקזאל פון די צעהנדליגע טויזענטער קלאוקמאכער און זייערע פאמיליעס.

די פילאדעלפיער קאנווענשאן האט ארויפגעלעגט אויף אונז, אויף דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, א מאנדאט צו טאן אלעס מעגליכעס און צו מאביליזירען אלע קרעפטען וואס מיר פארמאגען צו פארזיכערען דעם ערפאלג פון דעם שנעלאנקומענדען דזשענעראל סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע. ביי דיזען ערשטען מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האבען מיר דיזע גרויסע און וויכטיגע אויפגאבע אויפגענומען און האבען עס גרינטליך דיסקוטירט און באטראכט. און ביי דיזען מאמענט ווילען מיר אייך ווידער דערקלערען, ברידער קלאוקמאכער, אז די הייליגע פארפליכטונג, וואס די קאנווענשאן האט אויף אונז ארויפגעלעגט, וועלען מיר זיך אנשטרענגען מיט אלע קרעפטען דורכצופיהרען מיט דער גרעסטער ערנסטקייט, געוויסענהאפטיגקייט און איבערגעבענהייט. מיר וועלען ניט דערלאזען, אז די באלעבאטים אין דער קלאוק־אינדוסטריע זאלען אויסנוצען דעם איצטיגען קריזיס אוועקצונעמען פון אונז די שווער־געוואונענע ארבייטס־סטאנדארדס, וואס מיר האבען עטאבלירט אין דער קלאוק־אינדוסטריע; מיר וועלען קעמפען אזוי מוטיג און אזוי העלדיש ווי מיר האבען געקעמפט אין די אמאליגע יאהרען, פאר דער עקזיסטענץ פון אונזער יוניאן און פאר מענשליכע לעבענס און ארבייטס באדינגונגען אין די שעפער.

מיר פאדערען אויף די קלאוקמאכער דזשאינט באארד פון ניו יארק און אלע איהרע אפיליאירטע לאקאלען צוצוגרייטען די דזשענעראל סטרייק מאשינערי אין פאל א פרידליכער באנייאונג פון די אגרימענטס מיט די באלעבאטים וועט זיין אונמעגליך.

מיר פאדערען אויך אויף אלע אונזערע לאקאלען און מיטגלידער איבער'ן גאנצען לאנד, זיי זאלען גלייך זיך נעמען מאכען די געהעריגע פארבארייטונגען, לויט דעם באשלוס פון דער פילאדעלפיער קאנווענשאן, צו געבען די פולסטע מאראלישע און מאטעריעלע שטיצע צו די ניו יארקער קלאוקמאכער אין דעם מאמענט ווען דער קאמף וועט אויסברעכען און זייער שטיצע וועט ווערען א לעבענס־נויטווענדיגקייט אום דעם סטרייק ערפאלגרייך דורכצופיהרען.

לאנג לעבען זאל די קלאוקמאכער יוניאן!

לאנג לעבען זאל די קעמפענדע, אימער־פראגרעסירענדע אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן!

דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד,
דוד דובינסקי, פרעזידענט.

לאנד זאלען זיך פארבעסערען. מען דארף דעריבער, זאגט ער, אנווענדען אלע מיטלען צו פארקלענערען די ארמעע פון ארבייטסלאזע און דער בעסטער און ווירקזאמסטער מיטעל פאר דעם איז פארקירצען דעם ארבייטס-טאג און פארקלענערען די ארבייטס-וואך.

נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס עס ווערט אזוי פיל גערעדט און געשריבען אין דער לעצטער צייט וועגען א דרייסיג-שטונדיגע ארבייטס-וואך און אזוי פיל איינפלוסרייכע מענשען זיינען פאר דעם, זיינען אבער דאך די פאקטישע ערפאלגען פון דער באוועגונג גאנץ קליינע. ריטשארד וואלדא גיט אן, אז אין אמעריקא זיינען איצט פאראן 600 אונטערנעמונגען, וואו די דרייסיג-שטונדיגע ארבייטס-וואך איז איינגעפיהרט. דאס איז פאר אונזער גרויסער אינדוסטריעלער אמעריקא זעהר ווענינ. דעריבער דארף אויך באמערקט ווערען, אז די 600 אונטערנעמונגען באלאנגען ניט צו די גרויסע אינדוסטריען. אין דער ווירקליכקייט זיינען נאך פאראן צווישען די גרויסע אמעריקאנער אינדוסטריען געוויסע אזעלכע, וואו דער ארבייטס-טאג איז נאך באדייטענד לענגער ווי 8 שטונדען און די ארבייטס-וואך איז נאך א רעכט ביסעל איבער 50 שטונדען.

אונז שיינט דעריבער ניט, אז די דרייסיג שטונדיגע ארבייטס-וואך קען דערגרייכט ווערען דורך דעם פרייען ווילען פון די ארבייטס-געבער וויפיל מען זאל זיי ניט ערקלערען ווי נויטיג דאס איז אויפצוריכטען דאס לאנד. די דרייסיג-שטונדיגע ארבייטס-וואך קען איינגעפיהרט ווערען אין לאנד בלויז דורך דער געזעצגעבונג און עס מוז דעריבער אין דער ריכטונג געווירקט ווערען.

GERECHTIGKEIT
A Labor Journal
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 W. 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, President
and Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance,
$1.00 per year.

Vol. XIV. No. 7 — August, 1932

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 24, 1912. Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorised on January 28, 1919.

פארבייגעהענדיג

פון צביון.

איך פארדענק זיי ניט, די באוויירים, וואס זיי שרייען מיט אזעלכע באנומענע קולות וועגען זייערע אפגענארטע האפנונגען אויף א קלאוקמאכער סטרייק. די חברה (כעוורע) יוניאן ברעכער און סטרייקברעכער פון יוניאן סקווער האט אויסגעקוקט אויף א קלאוקמאכער סטרייק מיט זשעדנע וועלפישע אויגען, זי האט געלעכצט נאך איהם. דערמאנט זיך נאר, אז זינט דעם דרעסמאכער סטרייק האט די חברה נאך ניט געהאט קיין רעכט ססעבישע שטיקעל ארבייט און אז זי האט דעריבער מיט אומגעדולד געווארט אז דער קלאוקמאכער סטרייק זאל נאר גערופען ווערען און זי זאל קענען דערקוויקען איהר פארשמאכט הארץ. אי, האט די חברה געווארט! זי האט שוין אויסגעארבייט א פארטיגע סטראטעגיע און צוגעגרייט דעם גאנצען אפאראט מיט אלע קאמוניסטישע קלאפער-געצייג צו צורייסען און צושפאלטען די רייהען פון די סטרייקער און צו דעמאראליזירען דעם סטרייק ווי ער וועט זיך נאר אנפאנגען. און די חברה האט געהאפט אויף פיל מעהר. זי האט געהאפט, אז דורך דעם, וואס זי וועט העלפען דעמאראליזירען דעם סטרייק, וועט זיך איהר ענדליך אויך איינגעבען צו צוברעכען די קלאוקמאכער יוניאן. און וואס קען זיין געשמאקער אט פאר דער חברה יוניאן-ברעכער ווי צו צוברעכען די קלאוקמאכער יוניאן? יעדער קען זיך דעריבער גאנץ לייכט פארשטעלען ווי גרויס עס איז געווען די אנטוישונג פון די דאזיגע חברה-לייט, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז קיין סטרייק וועט ניט זיין און פון אלע זייערע האפנונגען און פלענער איז געווארען א טייך.

א, ניין, איך פארדענק זיי ניט. זיי דארפען שרייען מיט באנומענע קולות, זיי דארפען שפריצען מיט גאל, זיי דארפען צושפרונגען ווערען פון כעס און פון צארן און זיי מוזען זיך צורייסען שרייענדיג פארדאס. די אינטערנעשאנאל און די קלאוקמאכער יוניאן האבען ווירקליך אויף א גרויזאמען אופן פארדאטען די האפנונגען פון דער חברה סטרייק-ברעכער. זיי האבען געוואונען די פאדערונגען פון די קלאוקמאכער אהן א סטרייק. און ערגער פאר אלץ איז, וואס די קלאוקמאכער זיינען צופרידען מיט דעם נייעם אגרימענט און זיינען נאך מעהר צופרידען, וואס מען האט איהם נעקראגען אהן א סטרייק. עס איז אמת, אז די קלאוקמאכער האבען זיך גאנץ שטארק געגרייט צו א סטרייק און ווען מען וואלט געמוזט וואלטען זיי אויך טאקע געסטרייקט. די קלאוקמאכער קענען די מלאכה פון סטרייקען אויסגעצייכענט. זיי האבען שוין ניט איין עקזאמען אויף דעם אפגעגעבען, אבער פארליבט אין סטרייקען זיינען זיי ניט און אז סטרייקען איז א מצוה האלטען זיי אויך ניט. דעריבער ווען זיי קענען קריגען זייערע פאדערונגען אהן א סטרייק זיינען זיי צופרידען.

און ווי מען קען פארשטעהן האבען אויך די באלעבאטים ניט געהאט קיין גרויס חשק צו א סטרייק. די באלעבאטים קענען זייערע קלאוקמאכער גאנץ גוט און זיי ווייסען, אז ווען מען דארף קענען זיי געבען אן אמת'ען, עכטען, „דזשעניואין" סטרייק. און וועלכער מאנופעקטשורער קען איצט אויסרעכענען, וואס עס קען מיט איהם פאסירען, ווען א סטרייק פארציהט זיך א ביסעל? אפילו אין די אמאליגע בעסערע יאהרען, ווען די ערד איז געווען פעסטער אונטער די פיס, פלעגען ניט אלע מאנופעקטשורערס קענען זיך לאנג האלטען אויף איהר, ווען א סטרייק פלעגט זיך פארציהען. יעדער גענעראל סטרייק פלעגט זיך געוועהנליך פארענדיגען מיט וועניגער מאנופעקטשורערס ווי ער פלעגט זיך אנפאנגען. מעהרערע פלעגען אוועקפאלען אין מיטען און פלעגען שוין קיין תחית המתים ניט אויפשטעהן. און אויב דאס איז אזוי געווען אין די גוטע צייטען, איז עס אין די איצטיגע שלעכטע צייטען, ווען ביי אלעמען וואקעלט זיך די ערד אונטער די פיס, א סטרייק נאך א גרעסערע ריזיקע. און אזוי ווי ביידע צדדים זיינען ניט געווען באגייסטערט פאר א סטרייק אין דער איצטיגער פאסקודנער צייט האט מען זיך געמוזט איינינגען אויף א קאמפראמיס און אזוי ווי די קלאוקמאכער האבען געהאלטען אן אנגעגרייטען סטרייק, אויב מען וועט זיך ניט קענען איינינגען, איז דער קאמפראמיס ארויסגעקומען א רעכט ביסעל גינסטיגער פאר די קלאוקמאכער ווי פאר זייערע באלעבאטים. און זאל נאר זיין ארבייט, וועט דער נייער אגרימענט זיין גאר א גוטער. אבער וואס איז שייך צו ארבייט קען מען עס אפילו מיט דעם בעסטען סטרייק ניט שאפען. און די בעסטע אגרימענטס זיינען ניט פיל ווערט, ווען עס איז קיין ארבייט ניטא.

נאר אויף די באוויקים איז יעדענפאלס א גרויסער רחמנות. א גרויסע האפנונג איז ביי זיי צורונען געווארען און קיין טרייסט זעהט זיך ניט. אן אמת'ער צער בעלי חיים אויף זיי. מען דארף זיי דעריבער ניט טשעפען און זיי לאזען

צוואונגען צוצושטימען אויף א שניט אין
ארבייטס־לוין און מעהרערע אויף א גאנץ
טיפען שניט. די קלאוקמאכער האבען דע־
ריבער געמוזט רעכענען, אז אויב זיי וועט
זיך איינגעבען צו ראטעווען די סיסטעם
פון וואך־ארבייט וועלען זיי אבער ניט קע־
נען אין דערזעלבינער צייט אנהאלטען דעם
אלטען פרייז פון וואך־ארבייט. זיי האבען
געמוזט זיין צוגעגרייט אויף א שניט אין
זייער ארבייטס־לוין. דער קאמף האט גע־
קענט בלויז זיין, אז דער שניט זאל ער־
שטענס ניט זיין צו טיף און צווייטענס,
אז פאר דעם פרייז פון דעם שניט זאלען
די קלאוקמאכער קריגען געוויסע קאנצע־
סיעס. און ווען א סטרייק וואלט זיך גע־
ענדיגט מיט אזא קאמפראמיס, אז וואך־
ארבייט איז געבליבען, אז דער שניט אין
ארבייטס־לוין איז פארהעלטניסמעסיג גע־
ווען ניט נאר קיין גרויסער און דערפאר
האבען די קלאוקמאכער געקראגען געוויסע
באדינגונגען, וואס פארשטארקט די קאנ־
טראל פון זייער יוניאן אין די שעפער,
וואלט עס אין דער איצטיגער אומגינסטי־
גער צייט געהייסען א גינסטיגער אויסגאנג
פון סטרייק און די קלאוקמאכער וואלטען
זיך געקענט אומקערען אין די שעפער מיט
דעם געפיהל, אז זיי האבען געקעמפט און
געוואונען.

דער אויסגאנג פון דעם ניט געסטרייק־
טען סטרייק איז אבער געווען נאך גינ־
סטיגער.

וואך־ארבייט איז געבליבען; דער שניט
אין ארבייטס־לוין פון 5 דאלאר א וואך,
וואס מאכט אויס אין דורכשניט קנאפע
צעהן פראצענט, איז אין פארגלייך ווי
מען האט געשניטען אין די אנדערע אינ־
דוסטריען, געווים ניט קיין גרויסער; די
פאדערונג פון באגרענצונג פון קאנטראק־
טארס איז צום גרויסען טייל געוואונען
געווארען: די דזשאבערס און די מאנו־
פעקטשורערס וועלען מעהר ניט קענען
ארומפערלען מיט זייער ארבייט צו אלע
קאנטראקטארס פון ניו יארק, נאר זייער
צאהל וועט זיין א באשרענקטע, ניט מעהר
ווי דאפעלט פון דעם, וואס זיי דארפען.
דאס איז א באדייטענדער געווינס. דער־
צו וועט די יוניאן האבען א מעגליכקייט
דורך דער ניי־געשאפענער געמישטער קאמ־
מיסיע פון די מאנופעקטשורערס אסאסי־
איישאנס און פון דער יוניאן צו האבען א
געוויסען קאנטראל אויף דער קאנקורענציע
צווישען די קאנטראקטארס, וואס לאזט זיך
געוועהנליך אויס צו די קעפ פון די אר־
בייטער. דורך דער קאמיסיע וועט די
יוניאן ניט נאר וויסען נאר אויך האבען
וואס צו זאגען וועגען די פרייזען וואס די
מאנופעקטשורערס און דזשאבערס צאהלען
צו זייערע קאנטראקטארס. די יוניאן וועט
דעריבער קענען גאנץ גענוי וויסען, אויב
די קאנטראקטארס זיינען אין דער לאגע
צו צאהלען זייערע ארבייטער יוניאן ווייר־
דזשעס, אדער זיי מאכען שותפות מיט
זייערע ארבייטער צו באשווינדלען די
יוניאן.

די קלאוקמאכער האבען געפיהרט א
סך סטרייקס, אבער זיי האבען געוואונען
א סך מעהר ניט־געסטרייקטע סטרייקס.
עס איז אפט ניט נויטיג קיין סטרייק, ווען
עס עקזיסטירט דאס באוואוסטזיין, אז דער
סטרייק קען קומען צו יעדער מינוט, ווען
ער וועט נאר גערופען ווערען.

צום אגרימענט איז נויטיג איין זאך

די איינציגע
זאך וואס איז
איצט נויטיג צו
דעם אגרימענט, האט פרעזידענט דובינסקי
געזאגט אין זיין רעדע אויף דעם מיטינג
פון די שאפ טשערליים, איז, אז די אר־
בייטער אין די שעפער זאלען זיין גוטע,
לאיאלע יוניאן לייט. זיי וועלען דעמאלט
דורך דעם אגרימענט קענען בעסער און
לייכטער אויספיהרען, אז די יוניאן בא־
דינגונגען זאלען אפגעהיט ווערען אין די
שעפער און אז די וואך־ארבייט סיסטעם,
וואס זיי האבען פון דאס ניי אויסגעקעמפט,
זאל שטרענג אפגעהיט ווערען.

דער בעסטער אגרימענט איז ניט ווערט
דאס פאפיר, אויף וועלכען ער איז גע־
שריבען געווארען, ווען ער ווערט ניט אפ־
געהיט. די יוניאן עקזיסטירט פאר דעם
צוועק, אז זי זאל אויספאסען, אז די בא־
לעבאטים זאלען אפהיטען זייערע פאר־
שפרעכונגען צו די ארבייטער, אבער ניט
אויפצופאסען אויף די ארבייטער, אז זיי
זאלען זיך אליין ניט באשווינדלען און
העלפען די באלעבאטים צו פארבויגען די
יוניאן באדינגונגען אין זייערע שעפער.
לידער דארף די יוניאן פארשווענדען א
סך ענערגיע און אויך געלד ניט בלויז צו
היטען די באלעבאטים, אז זיי זאלען אנ־
האלטען די יוניאן באדינגונגען, נאר אויך
גאנץ אפט צו היטען די ארבייטער, אז
זיי זאלען ניט ווערען שותפים צו זייערע
באלעבאטים צו ברעכען די יוניאן באדינ־
גונגען.

און לאמיר איבערזאגען וואס עס איז
שוין אזוי פיל מאל געזאגט געווארען: די
יוניאן איז ניט עטוואס אזוינס, וואס
שטעהט אויסער די מיטגלידער. עס זיינען
די מיטגלידער, וואס שטעלען צונויף די
יוניאן, און עס ליגט אויף יעדען מיטגליד
די פליכט צו העלפען אפהיטען די יוניאן־
באדינגונגען אין דעם שאפ, וואו ער אר־
ביים. עס איז זיין פליכט צו זיך און צו
זיינע מיטארבייטער.

די אנטשיידונג פון אומפארטייאישען טשערמאן וועגען די ברוקלינער קאנטראקטארס אסאסיאיישאן

דער אומפארטיי־
אישער טשערמאן,
ריכטער אלדזשער,
האט ארויסגעגע־
בען אן אנטשיי־
דונג, אז די יוניאן
איז גערעכט אין
איהר שטעלונג ניט צו אנערקענען א באר
זונדערע אסאסיאיישאן פון קאנטראקטארס
אין ברוקלין. ער גיט אן צוויי ארגומענ־
טען פאר זיין אנטשיידונג. ערשטענס, איז
די קלאוק און סוט אינדוסטריע אזוי ארגא־
ניזירט אין ניו יארק, אז עס איז ניטא קיין
פלאץ פאר א באזונדערער אסאסיאיישאן
פון קאנטראקטארס אין ברוקלין. די אינ־
דוסטריע איז ארגאניזירט אין די פאלגענ־
דע פיר גרופען: איין גרופע וואס פאר־
טרעט די אינסאיד שעפער איז ארגאניזירט
פון אינדאסטריעל קאונסיל; א צווייטע
גרופע שטעלען מיט זיך פאר די דזשאבערס;
א דריטע גרופע פארטרעט די קאנטראק־
טארס און די סאב מאנופעקטשורערס,
וועלכע זיינען ארגאניזירט פון דער אמע־
ריקען אסאסיאיישאן; א פירטע גרופע
שטעלען מיט זיך פאר די ארבייטער, וועל־
כע זיינען פארטראטען פון דער אינטערנע־
שאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן.
עס איז דעריבער ניטא קיין פלאץ פאר נאך
אן אסאסיאיישאן פון קאנטראקטארס,
וואס די אינטערנעשאנאל זאל קענען אנער־
קענען.

צווייטענס, האט די ברוקלינער קאנ־
טראקטארס אסאסיאיישאן ארויסגעוויזען,
אז זי איז ניט פאראנטווארטליך, אז זי
האלט ניט אן קיין יוניאן באדינגונגען אין
איהרע שעפער און זי פירט זיך אזוי, אז זי
פארדינט ניט קיין אנערקענונג פון דער
יוניאן. מר. אלדזשער ראט דעריבער די
קאנטראקטארס פון ברוקלין, אז זיי זאלען
אריינטרעטען אין דער אמעריקען אסס'ן.

מיר גלויבען, אז יעדער וואס איז בא־
קאנט מיט דער ברוקלינער סיטואציע וועט
באטראכטען די אנטשיידונג פאר א העכסט
אומפארטייאישע.

די באוועגונג פאר דער פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט

די באוועגונג
פאר א קירצערען
ארבייטס־טאג און
א קלענערע אר־
בייטס־וואך קריגט
נייע אנהענגער און זי פארשפרייט זיך.
פרעזידענט הואווער אליין איז איינער פון
זיי. אויך הואווער איז געקומען צו דער
איבערצייגונג, אז די פארקירצונג פון אר־
בייטס־טאג און די פארקלענערונג פון דער
ארבייטס־וואך וואלט זיין דער ווירקזאמ־
סטער מיטעל צו פארקלענערען די אר־
בייטסלאזיגקייט.

א שטארקען אנהענגער האט די בא־
וועגונג געפונען אין ריטשארד וואלדא,
פרעזידענט פון דעם מעקליור צייטונגען־
סינדיקאט. וואלדא האט געמאכט א לענ־
גערע רייזע איבער אמעריקא אויסצופאר־
שען די עקאנאמישע צושטענדען אין פאר־
שידענע טיילען פון לאנד און ער איז גע־
קומען צו דער איבערצייגונג, אז ווי לאנג
אזא גרויסע צאהל ארבייטער וועלען ארומ־
געהן אהן ארבייט איז ניטא קיין האפ־
נונג, אז די עקאנאמישע צושטענדען אין

נעזעץ, אז די פעדעראלע רעגירונג זאל שאפען א פאנד פאר דעם צוועק. די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר איז ניט בלויז געווען געגען דער דאזיגער פאדערונג, נאר זי האט איהר באקעמפט. זי איז געגאנגען אזוי וויט צו באהויפטען, אז ארבייטסלאזען פארזיכערונג פון דער רעגירונג וואלט זיין א באליידיגונג פאר די אמעריקאנער ארבייטער. ענדליך אבער האט די עקזעקוטיווע פון דער פעדערישאן, ווי אויבען דערמאנט, אויף איהר לעצטען מיטינג אין אטלאנטיק סיטי באשלאסען ארויסצושטעלען צו דער רעגירונג די זעלבינע פאדערונג, וואס די סאציאליסטישע פארטיי. נו, עס איז בעסער שפעטער איידער קיינמאל ניט, אבער עס וואלט דאך געווען א סך בעסער, ווען די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר וואלט איינגעזעהן מיט א פאר יאהר פריהער, אז די סאציאליסטען זיינען גערעכט, וואלט די באוועגונג איינצופיהרען ארבייטסלאזען פארזיכערונג געווען א סך נעהנטער צו איהר ציל.

די באוועגונג פאר ארבייטסלאזען פארזיכערונג האט געוואונען א גרויסע צאהל אנהענגער אין לאנד, אבער די געגנערשאפט פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר האט געשפילט א וויכטיגע ראלע, וואס די באוועגונג האט אין קאנגרעס און אין די לעגיסלאטורען ניט געקענט דערגרייכען קיין ערפאלג. די געגנער פון ארבייטסלאזען פארזיכערונג האבען זייער שטארקסטען ארגומענט גענומען פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר. עס האט געהייסען, ווי קען מען איינפיהרען ארבייטסלאזען פארזיכערונג, ווען די ארבייטער זיינען געגען דעם?

און איצט איז די פאדערונג אין אלגעמיין שווערער דורכצופיהרען. איצט רעדט מען שוין וועגען דרייצעהן מיליאן ארבייטסלאזע אין לאנד און דאס אליין איז שוין א גענוג שטארקער ארגומענט פאר די געגנער. עס הייסט, וואו קען די רעגירונג נעמען אזוי פיל געלד פאר א פאנד צו פארזיכערען אזא ריזיגע ארמעע פון ארבייטסלאזע, בפרט נאך, ווען מען האט געמאכט אזוי פיל אנשטרענגונגען צו באלאנסירען דעם רעגירונגס־בודזשעט און ווען די רעגירונג האט אקארשט איצט באווילינט ביליאנען דאלארס צו באקעמפען דעם קריזיס?

נאר ווי די זאך זאל ניט זיין, איז עס דאך אויך איצט א גרויסע געווינס פאר דער באוועגונג פון ארבייטסלאזען פארזיכערונג, וואס ענדליך איז אויך די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר צו איהר צוגעשטאנען. די באוועגונג קען פון איצט אן האפען, אז איהר ערפאלג איז א סך זיכערער.

* * *

לויט די שאצונגען פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר וועט די צאהל פון ארבייטסלאזע דעם קומענדיגען ווינטער דערגרייכען ביז 13 מיליאן. דאס איז א דערשרעקענדע צאהל און עס איז שווער זיך פארצושטעלען ווי אזוי דאס לאנד וועט קענען אויסהאלטען אזא ריזיגע ארבייטסלאזע ארמעע.

די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר ווייזט אן מיט רעכט, אז דער ווירקזאמסטער מיטעל צו פארקלענערען די צאהל פון ארבייטסלאזע איז די פארקירצונג פון ארבייטס־טאג און פון דער ארבייטס־וואך. די פעדערישאן מיינט, אז ווען עס זאל איבער'ן גאנצען לאנד אין אלע אונטערנעמונגען און אינדוסטריען איינגעפיהרט ווערען א זעקס שטונדיגער ארבייטס־טאג און א פינף טאגיגע ארבייטס־וואך וואלט גלייך געשאפען געווארען ארבייט פאר 10 מיליאן ארבייטסלאזע.

איז אבער די פראגע, ווי טוט מען עס?

עס איז קלאר, אז די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר קען עס מיט איהרע אייגענע כחות ניט דורכפיהרען. ווען זי וואלט עס געקענט וואלט זי עס שוין לאנג געטאן. דאס קען טאן בלויז דער קאנגרעס. עס דארף אנגענומען ווערען פון קאנגרעס א געזעץ, אז דער ארבייטס־טאג טאר ניט זיין לענגער ווי זעקס שטונדען און די ארבייטס־וואך ניט מעהר ווי פינף טעג. און דערביי דארף עס געזארגט ווערען, אז דאס העכסטע געריכט אין וואשינגטאן זאל אזא געזעץ ניט ערקלערען אונקאנסטיטוציאנעל. עס הייסט, אז די פראגע קען געלעזט ווערען בלויז אויף א פאליטישען וועג. אבער ווי קען די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר עס דערווארטען דורכצופיהרען, ווען די ארבייטער אין אמעריקא זיינען ניט פאליטיש ארגאניזירט?

די עקזעקוטיווע פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר האט זיך אויף איהר לעצטען מיטינג אין אטלאנטיק סיטי באקלאגט, אז ניט די רעפובליקאנער פארטיי און ניט די דעמאקראטישע פארטיי האבען זיך אויף זייערע קאנווענשאנס צוגעהערט צו די פארלאנגען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט און אין די פראגראמען פון ביידע פארטייען קען מען גאנץ ווייניג געפינען פון די פארשלאגען פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר. דארף דען דאס אליין ניט דינען דער פעדערישאן פאר דעם בעסטען און איבערציינענדסטען באוויז, אז מען רעכענט זיך מיט איהר ניט פאליטיש? און זי דארף פארשטעהן ווארום דאס איז אזוי. די אמעריקאנער ארבייטער זיינען פאליטיש ניט ארגאניזירט, זיי האבען ניט קיין אייגענע פאליטישע פארטיי און מען דארף דעריבער זיך ניט רעכענען מיט זיי.

און וואס האט געענטפערט די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר אויף דעם פאטש אין פנים, וואס זי האט געקראגען פון די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען? זי האט זיי ניט ערקלערט מלחמה, זי האט זיי ניט געלאזט וויסען, אז אין די וואהלען וועט זי זיי ביידען באקעמפען, ווי זיי האבען עס פארדינט, נאר זי האט ערקלערט, אז אין די וואהלען וועט זי זיין נייטראל, וואס פראקטיש מיינט עס, אז א טייל פון דער פעדערישאן וועט שטימען פאר די דעמאקראטען און א טייל פאר די רעפובליקאנער, ווי דאס איז אלע מאל געווען. און אויב דאס איז אזוי, אויב די ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען קענען פאטשען די אמעריקאנער ארבייטער אין ביידע באקען און זיי זאלען דערפאר ניט אויף דאס מינדעסטע באשטראפט ווערען, טא ווארום זאלען זיי עס ניט טאן?

די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר האט אין די לעצטע עטליכע יאהר געביטען איהר גאנצע ריכטונג וועגען סאציאלער געזעצגעבונג. זי איז פריהער געווען אויסגעשפראכען געגען סאציאלער געזעצגעבונג. איהר פילאזאפיע איז געווען, אז די ארבייטער דארפען אויסקעמפען זייערע פארבעסערונגען דורך זייערע יוניאנס און ניט דורך די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. די געזעצגעבונג, האט עס געהייסען, דארף זיך ניט אריינמישען אין דעם קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט. היינט, אבער, דענקט די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר גאנץ אנדערש. היינט פאדערט זי סאציאלע געזעצגעבונג. זי האט אנגעפאנגען מיט פאדערען א געזעץ וועגען פענסיע פאר אלטע, איצט האט זי אויך באשלאסען צו פאדערען א געזעץ וועגען ארבייטסלאזען־פארזיכערונג און אין דער זעלבינער צייט אנגעפאנגען רעדען וועגען א געזעץ צו פארקירצען דעם ארבייטס־טאג און די ארבייטס־וואך. נאר אויב די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז סאציאלע געזעצגעבונג איז נויטיג, אז די ארבייטער קענען ניט געווינען אלץ דורך זייערע טרייד יוניאנס, נאר זיי מוזען זוכען צו געווינען פאזיציעס דורך דער געזעצגעבונג, איז עס דאך ניט מעהר ווי לאגיש, אז די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר זאל קומען צום שלוס, אז די ארבייטער מוזען זיין זעלבסטשטענדיג פאליטיש ארגאניזירט און האבען זייער אייגענע פאליטישע פארטיי אויסצוקעמפען די געזעצען, וואס זיי פאדערען.

איך בין זיכער, אז זי וועט ענדליך קומען צו אט דעם לאגישען שלוס, אבער וואו נעמט מען געדולד אזוי לאנג צו ווארטען?

שריען, זידלען און שפריצען מיט גאל. זיי זיינען בארעכטיגט הערצו. עס איז זיי ביטער אויפ'ן הארצען. לאמיר בעסער האבען רחמנות אויף זיי. עס איז גוט צו האבען רחמנות.

⁂

די עקזעקוטיווע פון דער א. פ. ל. האט דורכגעשטודירט די פראגראמען פון דער רעפובליקאנער פארטיי און פון דער דעמאקראטישער פארטיי און זי האט אויסגעפונען, אז פאר די ארבייטער טויגען זיי ביידע ניט. די רעפובליקאנער פארטיי האט נאך פון יוצא ווערען מיט עפעס דערמאנט אין איהר פראגראם די ארבייטער. די דעמאקראטישע פארטיי, אבער, האט אפילו פארגעסען יוצא צו זיין. האט דעריבער פרעזידענט ווילאם גרין ערקלערט, אז די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר וועט דאס מאל ניט אינדארסירען קיינע פון די צוויי פארטייען, ניט די רעפובליקאנער, ניט די דעמאקראטישע.

איז דאס ניט מעהר ווי רעכט. ניט די דעמאקראטען, ניט די רעפובליקאנער האבען פארדינט, אז די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר זאל זאגען וועגען זיי א גוט ווארט. ביידע פארטייען האבען ניט אין זינען די אינטערעסען פון די ארבייטער און ביידע פארטייען פארשפרעכען גארנישט צו טאן פאר די ארבייטער. נאר וואס הערט זיך מיט דער סאציאליסטישער פארטיי? קען די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר אויך וועגען איהר זאגען, אז זי האט ניט אין זינען די אינטערעסען פון די ארבייטער? און ווען די עקזעקוטיווע פון דער פעדערײשאן האט שטודירט די פראגראמען פון די רעפובליקאנער און פון די דעמאקראטען צו זוכען אין זיי עפעס פאר די ארבייטער, האט זי אין גאנצען גאר ניט געוואוסט, אז עס איז אויך פאראן א פראגראם פון א דריטער פארטיי, וואס איז אין גאנצען פאר די ארבייטער און פאר זייערע פאדערונגען?

איך קען מיר פארשטעלען, אז די עקזעקוטיווע פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר זאל ניט זיין איינשטימיג מיט דער פילאזאפיע פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע באהויפטעט, אז דער ווארצעל פון אלע צרות פון וועלכע די ארבייטער ליידען, ליגען אין דער קאפיטאליסטישער סיסטעם און די ווירקליכע הילף פאר די ארבייטער קען קומען בלויז, ווען די קאפיטאליסטישע סיסטעם וועט אפגעשאפט ווערען. אבער אויב אפילו די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר איז ניט איינשטימיג מיט דער פילאזאפיע פון דער סאציאליסטישער פארטיי מוז זי דאך צוגעבען, אז די פאדערונג וואס די סאציאליסטישע פארטיי האט ארויסגעשטעלט אין איהר פראגראם, וואס איז אויסגעארבייט געווארען אויף איהר קאנווענשאן אין מילוואקי, זיינען גוט פאר די ארבייטער. און אויב זי האט געפונען, אז זי קען ניט אינדארסירען די רעפובליקאנער פארטיי און אויך ניט די דעמאקראטישע פארטיי, ווייל זיי פארשפרעכען גאר נישט אין זייערע פראגראמען די ארבייטער, איז עס דאך ניט מעהר ווי לאגיש, אז זי זאל אינדארסירען די סאציאליסטישע פארטיי, וועלכע פארשפרעכט אין איהר פראגראם זעהר פיל די ארבייטער.

נאר מאנכער קען אפשר זאגען: וואס טויג עס פאר דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, וועלכע איז א פראקטישע ארגאניזאציע, צו אינדארסירען די סאציאליסטישע פארטיי, ווען זי קען סיי ווי סיי ניט געווינען אין די וואהלען?

מען דארף צוגעבען, אז פארלויפיג האט נאך די סאציאליסטישע פארטיי קיין שאנסען צו ערוועהלען א פרעזידענט אדער א מאיאריטעט אין קאנגרעס, אבער אויב די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר איז אזוי פראקטיש, אז זי וויל זיך פאראויס פארזיכערען מיט א פארטיי, וואס קען זיגען אין די וואהלען, דעמאלט האט זי שטענדיג געדארפט זיין מיט דער רעפובליקאנער פארטיי, ווייל די רעפובליקאנער פארטיי האט אלע מאל מעהר שאנסען צו געווינען אין די וואהלען.

אין דער ווירקליכקייט איז עס אבער ניט אזוי. די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר זוכט ניט בלויז א פארטיי וואס האט מעהר שאנסען צו געווינען אין די וואהלען, נאר זי זוכט א פארטיי, וואס זאל האבען א פראגראם, וואס זארגט פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער.

אט ווי עס קלאנגט זיך פרעזידענט גרין:

„מיר האבען פארגליכען די פלאטפארמען פון ביידע פארטייען מיט אונזערע רעקאמענדאציעס. מיר זיינען א היבש ביסעל ענטוישט, ווייל קיינע פון זיי האט ניט באהאנדעלט אונזערע פארשלאגען און פראבלעמען, ווי מיר האבען ערווארטעט. דער פאקט, אז א גאנצע רייהע פון אונזערע פארשלאגען זיינען אין גאנצען ניט ארייננגענומען געווארען אין די פלאטפארמען פון ביידע פארטייען, איז אן ענטוישונג".

הייסט עס, אז ביי דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר איז ניט געווען א פראגע, וועלכע פארטיי האט מעהר שאנסען צו געווינען אין די וואהלען, נאר וועלכע פארטיי האט ארייגענומען די פאדערונגען פון די ארבייטער אין איהר פראגראם. איז מיר דעריבער א וואונדער, וואס זי האט אין גאנצען פארזעהן די פראגראם פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

ווען דאס וואלט פאסירט מיט א יאהר צוריק וואלט איך אפשר געמיינט, אז די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר קען ניט אינדארסירען די סאציאליסטישע פארטיי, ווייל אין דער פראגראם פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז פאראן א פאדערונג פאר ארבייטסלאזען פארזיכערונג און מיט א יאהר צוריק איז די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר נאך געווען גאנץ שטארק געגען ארבייטסלאזען פארזיכערונג. נאך אויף דער קאנווענשאן פון דער פעדערײשאן אין וואנקואווער מיט 9 חדשים צוריק זיינען פרעזידענט גרין און וויס־פרעזידענט מעטיו וואל שארף ארויסגעטראטען געגען ארבייטסלאזען פארזיכערונג פון דער רעגירונג און האבען באהויפטעט, אז די פאדערונג איז א העכסט שעדליכע פאר דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג, אז ווען ארבייטסלאזען פארזיכערונג פון דער רעגירונג זאל איינגעפיהרט ווערען וואלט עס צושטערט די גאנצע סטרוקטור פון די טרייד יוניאנס. איך זאג דעריבער, אז יעמאלט וואלט מיר ניט שטארק געוואונדערט ווען די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר וואלט זיך אפגעזאגט צו אינדארסירען די סאציאליסטישע פארטיי. ווארים אויב ארבייטסלאזען פארזיכערונג פון דער רעגירונג קען רואינירען די אמעריקאנער טרייד יוניאנס און די סאציאליסטישע פארטיי פאדערט גראד ארבייטסלאזען פארזיכערונג פון דער רעגירונג איז עס גאנץ באגרייפליך, אז די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר קען אזא פארטיי ניט אינדארסירען. איצט אבער, ווען די פיהרער פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר האבען זיך ענדליך ארומגעזעהן, אז די סאציאליסטען זיינען גערעכט מיט זייער פאדערונג פון ארבייטסלאזען פארזיכערונג און די עקזעקוטיווע פון דער פעדערײשאן האט אויף איהר לעצטען מיטינג אין אטלאנטיק סיטי באשלאסען אליין ארויסצושטעלען די פאדערונג פון ארבייטסלאזען פארזיכערונג, פארשטעה איך ניט ווארום זי האט ניט אינדארסירט די סאציאליסטישע פארטיי, וואס האט א פראגראם פול מיט די בעסטע ארבייטער פאדערונגען.

⁂

איך נעם אן, אז מיט דער צייט וועט די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר קומען צו דער איבערציינונג, אז די איינציגע פארטיי, וועלכע זי דארף שטיצען, איז די סאציאליסטישע, ווייל ביסלאבווייז קומט זי צו דער איבערציינונג, אז די פאדערונגען וואס די סאציאליסטישע פארטיי שטעלט ארויס, זיינען גוט פאר די ארבייטער. נישט מעהר, עס דויערט א ביסעל צו לאנג ביי די פיהרער פון דער פעדערײשאן ביז זיי זעהען עס איין. מיר האבען איצט, למשל, דעם ביישפיל מיט ארבייטסלאזען פארזיכערונג.

די סאציאליסטישע פארטיי האט שוין פון לאנג ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון ארבייטסלאזען פארזיכערונג. זי האט פארלאנגט, אז דער קאנגרעס זאל אננעמען א

די ארבייטער און די גאנצע וועלט, אז מען זאל זיך ניט איינריידען קיין פינגעלאך אין בוזים, אז דער קאפיטאליזם האלט שוין ביי זיין גסיסה. ניין, ער איז נאך זעהר שטארק.

די טעג האט אויסגעדריקט דעם זעלבען געדאנק, אין דעם ענגלישען הויז און לארדס, פיליפ סנאודען, דער איצטיגער לארד סנאודען. עס איז כדאי צו ברענגען דא ווערטערליך דאס וואס סנאודען האט געזאגט, ווייל מען דארף ניט פארגעסען, אז ער איז געווען איינער פון די סאציאליסטישע הויפט-פיהרער אין ענגלאנד. ער איז עס געווען, וועלכער האט געהאט דעם מוט אויפצוהויבען צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון ענגלישען פארלאמענט א דעבאטע וועגען סאציאליזם.

אבער דאס איז געווען מיט יאהרען צוריק. לאמיר הערען, וואס ער זאגט און דענקט היינט:

„מאנכע פון מיינע סאציאליסטישע פריינד — מערקט אייך, שוין ניט מעהר גענאסען אדער קאמעראדען, נאר פריינד בלויז — האבען קיינמאל ניט באגריפען די אונגעהייערע געזונטהייטס-קראפט פון דעם קאפיטאליזם. מיר וועלען זיך ווי עס איז ארויסדרעהען פון דעם קריזיס, כאטש עס וועלען מוזען געמאכט ווערען וויכטיגע ענדערונגען אין אונזער פלאן פון רעארגאניזאציאן... איך וועל קיינמאל ניט דערלעבען צו זעהן די עטאבלירונג פון א סאציאליסטישען שטאאט. איך גלויב, אז די עקאנאמישע רעוואלוציע ארבייט אין דער ריכטונג, אבער זאל גאט אפהיטען ענגלאנד פון אזא סאציאליזם, ווי זיי האבען היינט צו טאג אין רוסלאנד.

„רוסלאנד איז אונטער א סיסטעם פון אן אינדוסטריעלער סאלדאטשינע. זי האט קאנפיסקירט קאפיטאל, האט פארלייקענט איהרע עפענטליכע חובות און האט אנגעפאנגען איהר ווירטשאפט אהן אירגענד וועלכע שולדען. און די גאנצע צייט האלט רוסלאנד אין איין קומען צו די קאפיטאליסטישע לענדער, מיט דער היטעל אין האנט, בעטלענדיג ביי זיי הלואות און עקספארט-קרעדיטס".

אין דעם מאמענט אינטערעסירט אונז ניט סנאודענ'ס מיינונג וועגען רוסלאנד, כאטש עס איז שווער צו זיין ניט איינפארשטאנען מיט איהם. וואס איז יא פון גרויס אינטערעס, איז דאס ער גלויבט, אז דער קאפיטאליזם זיצט נאך זעהר שטארק אין זאטעל און דאס ווי-ניט-איז וועט ער אויך פון דעם איצטיגען קריזיס ארויסקומען א געזונטער.

נון, קען מען לארד פאספילד און לארד סנאודען לייכט אוועקמאכען מיט דער האנט: דאס זיינען דאך פארדעטער, מענשען וועלכע זיינען אריבערגעלאפען אין דעם לאגער פון שונא. דארף מען דארום מיט זייער מיינונג זיך ניט רעכענען. איז, וואס מיר אנבאטרעפט, דענק איך, אז עס איז ניט אימער ריכטיג צו איגנארירען א מיינונג פון וועמען עס איז. מעג דער אויסדריקער פון א געוויסען געדאנק אדער מיינונג זיין ווער ווייסט ווער, דארף עס אונז אבער ניט אין גאנצען בליגד מאכען צו דעם געדאנק גופא.

אבער דער אמת איז, אז דער געדאנק וועגען דעם גרויסען כח פון קאפיטאליזם איז דער געדאנק פון כמעט יעדען דורכשניט-סאציאליסט. נעמט דעם סאציאליסט פון גאס, און הערט זיך גוט צו צו דעם וואס ער דענקט, און איהר וועט געפינען, אז ער איז פון דערזעלבער מיינונג ווי סנאודען און סידני וועב.

און אויב איהר האט נאכגעפאלגט אויפמערקזאם די סאציאליסטישע קאנווענשאן, וואס איז אפגעהאלטען געווארען מיט א מאנאט צוריק אין מילוואקי, וועט איהר געפינען אז אלע איהרע פארהאנדלונגען און אלע רעזאלוציעס זיינען דורכגעדרונגען מאקע פון אט דעם געדאנק, אז דערווייל קען מען נאר ניט ריידען פון ירש'ענען דעם קאפיטאליזם, אז דערווייל איז ער נאך ווייט ניט געשטארבען.

דאך קען מען ניט פארלייקענען, אז ווייט ניט אלע סאציאליסטען זיינען פון דער זעלבער מיינונג. פילע סאציאליסטען, און דוקא ניט קיין הייד-קעפ, נאר מענשען ביי זייער פולען פארשטאנד, זיינען פון דער מיינונג, אז מיר שטעהען יא ביי דער גסיסה-בעט פון קאפיטאליזם, און אז עס איז נאר קיין רפואה ניטא פאר איהם.

זייערע ארגומענטען זיינען גאנץ שטארקע. ווענינגסטענס זעהען זיי אויס צו זיין שטארק. לאמיר דא אין קורצען פרובירען אנגעבען איינינע פון זיי:

דער איצטיגער קריזיס, טענה'ן זיי, האט געטראפען אין סאמע לעבענס-נערוו ניט בלויז די ארבייטער, נאר אויך אלע אנדערע קלאסען פון דער געזעלשאפט. די מענשען, וועלכע האבען נאך ערשט ניט לאנג געגלויבט, אז דער קאפיטאליזם מיט אלע זיינע חסרונות האט דאך פילע מעלות, וועלכע קענען ניט זיין אונטער קיין אנדער סיסטעם, דענקען איצט פונקט פארקערט, אז קיין ערגערע סיסטעם ווי די קאפיטאליסטישע קאן גארנים זיין. די צאהל פון די, וועלכע דענקען אזוי, פארמעהרט זיך פון טאג צו טאג, און אזוי פאסירט עס, דאס די נעכטיגע פריינד פון קאפיטאליזם זיינען איצט איהרע ביטערסטע שונאים.

אחוץ דעם זיינען פילע פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט געקומען צו זעהר וויכטיגע און העכסט אינטערעסאנטע ארבערצייגונגען. זעהר ווענינגע גלויבען איצט, אז מיר וועלען ווי עס איז ארויסקריכען פון דעם קריזיס, ווי דאס דענקט פיליפ סנאודען. דער איצטיגער קריזיס, גלויבען זיי, איז געקומען צו פארבלייבען און מוז ווערען אלץ ערגער. אפילו ווען פאר א צייט זאל דער קריזיס פארשטופט ווערען דורך א קירצערע ארבייטס-וואך און א קירצערען ארבייטס-טאג, לאמיר זאגען, אז מען זאל איינפיהרען איבער'ן גאנצען לאנד און אין אלע אינדוסטריען די דרייסיג-שטונדיגע ארבייטס-וואך, קען עס אויך נאר העלפען פאר א ווילע. באלד, און אין די דרייסיג ארבייטס-שטונדען וועט מיט דער הילף פון נייע מאשינען ווידער פראדוצירט ווערען אלץ מעהר וויפיל דער ארבייטער וועט קענען מיט זיינע ווידזשעס צוריקקויפען. ווארים אויב יא, טו וואו וועט דער קאפיטאליסט האבען זיין פראפיט, וואס דאס איז די סאמע נשמה פון קאפיטאליזם?

די, וועלכע האלטען, אז דער קאפיטאליזם איז ביי זיין גסיסה, ווייזען אן אויף די פילע רעוואלוציעס אין אנדערע לענדער, און זאגאר סאציאליסטישע רעוואלוציעס, ווי די אין טשילי, למשל, און עס קען דאך ניט זיין, אז אונזער אמעריקא זאל קענען בלייבען פארשאנעוועט פון אט דעם אלגעמיינעם צוזאמענברוך.

און וואס אנבאטרעפט דאס אמעריקאנער פאלק, וועלכעס פארהאלט זיך נאך דערווייל אזוי רוהיג, אזוי שטיל און ווייזט ניט ארויס קיין מינדסטען סימן פון נעגערשאפט, שוין ניט ריידענדיג פון קאמף, טענה'ן אונזערע עקסטרימע סאציאליסטען, אז דאס איז גארנים. רעוואלוציעס האבען שוין אזא טבע, דאס זיי זאגען ניט אן זייער קומען; זיי קומען פלוצלונג, ספאנטאן. און אז דאס אמעריקאנער פאלק איז גוטער רעוואלוציאנערער מאטעריאל, דערצו זאגט עדות די גאנצע געשיכטע פון אמעריקאנער פאלק. איז עס דען ניט געווען ער, וואס האט זיך באפרייט פון דעם ענגלישען יאך? האט ניט ער אפגעשאפט נעגער-שקלאפעריי דורך א שרעקליכען בירגער-קריג? און אלע רעכטע, וואס די ארבייטער האבען איצט, האבען זיי עס ניט ערווארבען אין שווערע בלוטיגע העלדישע קעמפע? טו ווי קאן מען דענקען, אז אט דאס בעצם רעוואלוציאנערע פאלק וועט לאנג בלייבען אזוי שטיל און גערולדיג, און וועט זיך נאך אויפאפפערען פאר דער רעטונג פון קאפיטאליזם?

נו, מען מוז צוגעבען, אז געוויסע פאקטען און אויך א ביסעל לאגיק זיינען אויף דער זייט פון די, וועלכע דענקען פיל אנדערש ווי די מעקדאנאלדס, סנאודענס, וועבס און פילע אנדערע. אבער עס איז דא אויך פיל וואס צו זאגען פאר דער ענטגעגענגעזעצטער מיינונג. איך וועל עס פראזוכען צו מאן אין מיין נעקסטען ארטיקעל.

די „בייזענע" גבורה פון קאַפּיטאַליזם

פון ש. יאַנאָווסקי

אין אַמאָליגע יאָהרען, נאָך פיל פריהער איידער מיר זײַנען אריין מיט אַזאַ ברען אין דער מלחמה פאַר דער דעמאָקראַטיע, איז אין אַזאַ ברענעניש און שרפ'עניש ווי איצט, ווען עס שיט פּשוט מיט פייער פון הימעל, פלעגט געוועהנליך זיין אַ שטאַרקער דוחק אויף נייעס, און ניט וועניג פלעגען די צייטונגס־שרייבער זיך אויסדאַרען זייערע שוין אַזוי אויך אויסגעטריקענטע מוחות, ווי און מיט וואָס פילט מען אויס די שפּאַלטען פון די צייטונגען.

יענע גאָלדענע צייט איז שוין לאַנג פאַרשוואונדען, אום קיינמאָל מעהר שוין ניט צוריקצוקומען. די וועלט איז פול מיט נייעס — ניט נאָר וויכטיגע, אינטערעסאַנטע, נאָר יעדע נייעס איז אַ שטיק אמת'ע סענסאַציע.

אַט נעמט נאָר די צייטונג אין האַנט, און עס שפּרינגען אייך אין די אויגען: אַ רעוואָלוציע אין טשילי, און דוקא אַ סאָציאַליסטישע; אַ קאָנפערענץ וועגען די מלחמה־חובות אין לאָזאַן; אַ צוזאַמענקונפט פון אַלע פאַרשטעהער פון דער ענגלישער אימפּעריע אין אָטאַווא; אַ בלוטבאָד אין בערלין מיט פילע גע'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע; אַ דיקטאַטאָר איבער פּרייסען און באַלאַגערונגס צושטאַנד אין בערלין; די באָנוס אַרמיי איז נאָך אַלץ אין וואַשינגטאָן און די רעגירונג קאָן זיך קיין עצה ניט געבען, וואָס טוט מען מיט די טרעמפּס, די געוועזענע העלדען אויף די שלאַכטפעלדער אין פראַנקרייך; אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון איבער צעהן טויזענד קלאָוקמאַכער, וועלכע שטימט פאַר אַ סטרייק; די עפּענטליכע מיינונג דערשרעקט זיך: איז דען איצט די צייט צו סטרייקען? אונזער ליטעראַטן באַוועגונג מישט זיך אריין, און עס האַלט ביי אַ גוטען אויסגלייך, און אונזערע קאָמוניסטען קריצען מיט די צייהן: געווען אַזאַ שאַנס פאַר אַ ביסעל גוטע סקעב־אַרבייט און ווייזען משטע די באַלעבאַטים, ווער עס זײַנען זייערע אמת'ע פריינד. מישט זיך אריין דער טייוועל, העלפט אויס די „פירקערשע" פיהרער, און די רעוואָלוציע אין אַמעריקא איז ווידער פאַרדוקט אויף ווער־ווייס־ווען; דער קאָנגרעס שליסט זיך, האָט אויסגעטאָן גרויסאַרטיגע אַרבייט, אָנגענומען גאַנצע 600 נייע געזעצע; הוווער, פּרעזידענט הוואָווער שנײַדט זיך אַליין זײַנע ווײַדזשעס, אַנשטאָט 75 טויזענד וועט ער מוזען נעבאָך אויסקומען מיט זעכציג טויזענד; דאָסזעלבע זײַן גאַנצער קאַבינעט, און אַזוי וועלען מיר זיך איינשפּאַרען גאַנצע 37,500 דאָלאַר. אָבער, נאַטירליך, ניט דאָס געלד איז אַזוי וויכטיג, ווי דער בייַשפּיל, דער שעהנער ביישפּיל. אַז הוּאָווער אַליין שנײַדט זיך די ווײַדזשעס, טו וואָס זאָלען שוין טאָן די קלאָוקמאַכער, די שניידער, די קאַפּענמאַכער, די קאַרפּענטער, די פּיינטערס, די לעהרער, די שרייבער! אַ קלייניגקייט עפּעס, עס האַנדעלט זיך דאָך וועגען ניט קיין קלענערע זאַך, ווי צו ראַטעווען אונזער גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע. איז דען איצט אַ צייט צו טראַכטען וועגען ווײַדזשעס? לאָז זיך שניידען, שנייד זיך אַליין, ביז עס זאָל וועה טאָן. וואָרים גרויס איז די געפאַהר, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע געבײַדע זאָל אומפאַלען, און דאַן באַגראָבען דיך מיט אַלץ מיט אַנאַנדער אונטער איהרע חורבות.

איז אַט ביי דער שטיקעל נייעס, כאָטש מיר וואָלטען געקאָנט אָנפילען אונזער גאַנצען אַרטיקעל מיט בלויז די קעפּלאַך פון די פאַרשידענע נייעסען פון טאָג, ווילען מיר זיך אָפּשטעלען. די שטיקעל נייעס וועגען ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם איז פאַר אונז די אינטערעסאַנטסטע, און זי איז ווערט אַז מיר זאָלען זיך וועגען איהר פאַרטראַכטען.

איז דער קאַפּיטאַליזם טאַקע אין געפאַהר?

לויט דער שכל טראַגט אויס, האָט ער באַדאַרפט ניט נאָר זיין אין געפאַהר, נאָר ער האָט שוין באַדאַרפט זיין אויף יענער וועלט. דערמאָנט זיך, שוין דריי יאָהר, ווי מיליאָנען מענשען זײַנען אַרבייטסלאָז, האָבען ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, ניט זיי און ניט זייערע פרויען און קינדער, און מען זאָל עס הערען אַ פּיפּס פון זיי. אַלעס איז אַזוי שטיל, אַזוי רוהיג, אַזוי ווי קיינעם וואָלט ניט געפעלט דאָס מינדסטע. וואָלט עס אָבער נאָך געווען פאַרשטענדליך, ווען אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר דעם מענשליכען געברויך וואָלט פּשוט צוליב אירגענד וועלכע נאַטירליכע סיבות אויסגעפעלט. דאַן וואָלט עס געווען אַ זעהר גוטע רעקאָמענדאַציע פאַר דעם פאַרשטאַנד און אויסדויער־קראַפט פון אונזער פאָלק צו קענען זיך אונטערוואַרפען צו דאָס אונפאַרמיידליכע. אָבער די גרויסע נויט שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט, דוקא ווען אַלץ וואָס איז נויטיג צום לעבען איז דאָ אין דעם גרעסטען איבערפלוס.

איז אַט אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווען צעהן מיליאָן מענשען ליידען און שווייגען, דאַרף מען, דאַכט זיך, קנאַפּ וואָס מורא האָבען פאַר דעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם. מען מוז גאָר דערפון דרינגען, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אַ „שוואַרצענע" גבורה, און די וועלכע וואַרטען און האָפען אויף זיין טויט מוזען פיהלען זיך שטאַרק ענטוישט.

עס איז אמת, אַז פון צייט צו צייט הערען זיך שטימען פון וואָרנונג: אַט קומט אַמאָל אַרויס פּרעזידענט גרין מיט אַ שטאַרק וואָרט, אַט אַנאַנדערער. יאָ, מיר האָבען שוין געהערט אַט די שטאַרקע וואָרנונג פון גאָר גרויסע מענשען, ווי דאָס איז, למשל, גאַרנער, דער דעמאָקראַטישער וויס־פּרעזידענט־קאַנדידאַט, — יאָ, אפילו דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט אַליין האָט געגעבען אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש.

אָבער די שטימען זײַנען ווי די שטימען אין דער וויסטע. מען ערקלערט אַט די דאָזיגע וואָרנער און שטראָפער ניט נאָר אַלס דעמאַגאָגען, נאָר אַלס אַזעלכע וועלכע האָבען די חוצפה צו וואַרפען די שווערסטע באַליידיגונג אין פּנים פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. וואָרום, איהר מוזט פאַרשטעהן, אַז צו מאַכען אַ באַהויפּטונג, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק קען רעוואָלטירען, מיינט פּשוט צו זאָגען, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט ניט קיין ברעקעל פאַרשטאַנד, איז פּשוט אַן אידיאָטיש פאָלק. עס מעגען מאַכען רעוואָלוציעס די נאַרישע פעלקער אין יוראָפּ אין סאָוטה־אַמעריקאַ, אָבער איהר וועט עס ניט פועל'ן ביי די קלוגע אַמעריקאַנער. זיי וועלען בעסער באַגעהן זעלבסטמאָרד, זיי וועלען גיכער באַגעהן אַלערליי פאַרברעכענס געגען איינצעלנע מענשען, ערמאָרדענדיג זיי, מאַכענדיג אַלערליי טשיקאַגאָ האָלד־אַפּס, אָבער רעוואָלטירען געגען אונזער גאַנצע, גאַנצע געזעלשאַפט, דאָס קיינמאָל און קיינמאָל ניט. דיזעלבע פאַרברעכער, דיזעלבע האָלד אַפּ'ניקעס, דיזעלבע הונגערליידער וועלען מיט אַ ביקס אין האַנט באַשיצען די טייערע ליבע געזעלשאַפט און די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אַז קיין האָרעלע אין איהר זאָל ניט געקרימט ווערען.

און מיינט ניט, אַז דאָס איז די טענה און דער געשריי בלויז פון די גוט־באַצאָהלטע קאַפּיטאַליסטישע שקלאַפען, ווי קולידזש וכדומה. אַז זיי זאָלען אַזוי ריידען און שרייבען, איז נאַטירליך. דאָס איז דאָך זייער ברויט און פּוטער. אָבער דער וואונדער איז, דאָס איהר געפינט דיזעלבע מיינונג אויסגעדריקט פון מענשען, וועלכע זײַנען ניט נאָר גאַנץ פּשוט'ע סאָציאַליסטען, נאָר דוקא אַזעלכע, וועלכע מען באַטראַכט אַלס די סאָציאַליסטישע פיהרער.

מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק האָב איך אין איינעם פון מיינע אַרטיקלען געבראַכט אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקעל פון דעם אַמאָליגען סידני וועב און דעם איצטיגען לאָרד פּאַספילד, אין וועלכען ער וואָרנט

אפיל פון די פארצווייפעלטע טרייד יוניאן מיטגלידער וועלכע בעטען אז די פעדעריישאן זאל עפעס טאן צו פארלייכטערן זייער שרעקליכע לאגע".

אזוי שנעל אלזא ווי עס האט זיך געביטען די שטימונג צווישען די ארבייטער, מיטגלידער פון די יוניאנס, האט זיך אויך געביטען די שטעלונג פון די פיהרער. און די שטימונג צווישען די ארבייטער האט געביטען דער קריזיס און די נויט.

נאך שארפער ווערט ארויסגעבראכט די געענדערטע שטעלונג פון די יוניאן־פיהרער צו דער קאפיטאליסטישער ארדנונג אין דעם סטייטמענט, וואס דער עקזעקוטיוו קאונסיל האט פארעפענטליכט צוזאמען מיט'ן באשלוס אויפצופאדערן פרעזידענט הואווער ער זאל צונויפרופען א אינדוסטריעלע קאנפערענץ פון פארשטעהער פון ארבייטער און ארבייטס־געבער צו פארהאנדלען וועגען איינפיהרען א 30־שטונדיגע ארבייטס־וואך פאר אלע ארבייטער אין לאנד. אין דעם סטייטמענט געפינען זיך שטעלעס וועלכע אטעמען מיט פראטעסט און פארדאמונג. דארט זאגט זיך:

„די טראגישקייט פון דעם קריזיס ליגט אין דעם הונגער, נויט, וואס עס פאראורזאכט; אין דער פארניכטונג פון מאראלע און גייסטיגע ווערטען; אין דער צושטערונג פון דעם צוטרויען ביי מיליאנען מענשען אין דעם עקאנאמישען סיסטעם פון לאנד און אין פילע פון זיינע רעגירונגס אינסטיטוציעס. די אינדוסטריעלע פארוואלטער האבען זיך ארויסגעוויזען אלס אומפעהיג אנצואווענדען קאנסטרוקטיווע מיטלען צו פארלייכטערן די ארבייטסלאזיגקייט".

דאס איינציגע וואס די אינדוסטריעלע פארוואלטער האבען געטאן, איז — שניידען וויידזשעס און פארניכטען די קויפקראפט. דערמיט האבען זיי פארגרעסערט די ארבייטסלאזיגקייט און געשעדיגט ביידען — סיי די ארבייטער און סיי דער אינדוסטריע".

און עהנליכע דעקלאראציע נאר נאך שארפער און קלארער אויסגעדריקט האט פארעפענטליכט די קאמיטע וועגען ארבייטסלאזיגקייט פון דעם ניו יארקער „סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל". זיי שרייבען:

"די פיהרער פון די אינדוסטריען און פינאנץ־אינסטיטוציעס האבען ניט געבראכט קיין לייזונג צו פארלייכטערן די ליידען. די מיטלען וואס די רעגירונגס־אגענטורען האבען אנגעווענדעט האבען נישט געבראכט די מינדעסטע פארלייכטערונג. פאר דריי לאנגע יאהר איז די לאגע געווארען אלץ ערגער טראץ די אנשטרענגונגען פון די אזוי גערופענע נאציאנאלע פיהרער".

„די רעקאנסטראקשאן פינאנס קארפאריישאן האט אנגעווענדעט די מעאריע צו העלפען די ארבייטסלאזע דורך לייהען געלד צו רייכע פאבריקאנטען און באנקירען אין דער האפנונג, אז א טייל דערפון וועט זיך דורכזייען צו די וועלכע ליגען אויפ'ן דעק פון די עקאנאמישע חורבות. דאס האט אבער דאס מינדעסטע ניט געהאלפען די ארבייטסלאזע. עס האט זיי ניט געגעבען קיין איין האר מעהר ארבייט אדער איינקונפט".

אויך אין די פאדערונגען צו דער רעגירונג געהט די קאמיטע פיל ווייטער פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדעריישאן. זיי באנוגענען זיך ניט מיט פארלאנגען א קאנפערענץ מיט די בעלי בתים וועגען איינפיהרען א 6 שטונדיגען ארבייטס־טאג. זיי פאדערן, אז די רעגירונג זאל גלייך איינפיהרען א 40 שטונדיגע וואך פאר איהרע אנגעשטעלטע און דער קאנגרעס זאל דורך א געזעץ איינפיהרען די קירצערע ארבייטס וואך אין די פונדאמענטאלע אינדוסטריען, ווי אויף די אייזענבאהנען, מינס, שטאל און בויאינדוסטריען און עהנליכע.

יא דער קריזיס און די נויט האט אונזערע קאנסערוואטיווע יוניאן־פיהרער געמאכט ראדיקאל וויל דער הונגער און די ארבייטסלאזיגקייט האט ראדיקאליזירט די אמעריקאנער ארבייטער. די פיהרער שפיגלען אפ דעם גייסטיגען צושטאנד פון די מאסען.

אט די געענדערטע באציהונג צו ארבייטער־פראבלעמען האט שוין אויך געענדערט די שטעלונג פון די פעדעריישאן־פיהרער צו ארגאניזאציאנעלע איבלען אין די יוניאנס. די לאנג־יעהריגע פראקטיציע זיך ניט צו מישען אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון אינטערנעשאנאל יוניאנס אפילו ווען דארטען ווערען באגאנגען די גרעסטע פארברעכענס איז אויפגעגעבען געווארען.

דער עקזעקוטיוו קאונסיל האט ארויסגעשיקט איינגע מענשען צום אונטערזוכען קלאגען, וואס זיינען געמאכט געווארען געגען לאקאלע יוניאן פיהרער אז זיי זיינען ניט עהרליך אדער פיהרען זיך אויף נים ווי עס פאסט פאר פארשטעהער פון א יוניאן. פארטרעטער פון דער פעדעריישאן האבען אונטערזוכט די ניו יארקער מואווינג פיקטשור אפערייטארס יוניאן, די נוארקער לאקאלען פון אייזען ארבייטער און אינשינירען, די פיהרונגען אין דעם ניו דזשוירזי בילדינג טרייד קאונסיל, און די פעדעריישאן איז געגאנגען אזוי ווייט ווי ארויסצוגעבען א באפעהל, אז די סטייט פעדעריישאן און לייבאר זאל ארויסשליסען דעם אינזשינירען לאקאל וועלכער האט זיך אנטזאגט ארויסצואווארפען א ניט עהרליכען ביזנעס אייגזשענט. דער עקזעקוטיוו קאונסיל האט אויך געווארענט אז ווען אן אינטערנעשאנאל וועט זיך אנטזאגען ארויסצואווארפען א קארופטען באאמטען וועט די פעדעריישאן אויסשליסען די אינטערנעשאנאל.

יא ! שווערליך ווי עס איז דער קריזיס, גרויס ווי עס איז דער אומגליק וואס דאס האט געבראכט צו צעהנדליגע מיליאנען, האט עס דאך געבראכט אויך א ביסעל נוטען. עס האט די אמעריקאנער ארבייטער און זייערע יוניאנס געעפענט די אויגען און א שטויס געטאן פאראויס. דאס וועט זיך ערשט ריכטיג לאזען פיהלען ווען דער קריזיס וועט פארביי, ווען די צייט וועט זיך פארבעסערן, ווען די ארבייטער־מאסען וועלען אפכאפען דעם אטעם און קומען צו זיך. די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג איז אויף דאס ניי געבוירען געווארען.

באגריסונג פון עקס־סעקרעטער אב. באראף צום סעטעלמענט פון קלאוקמאכער סטרייק אין ניו יארק

טייערער פרעזידענט פריינד דוד דובינסקי:

איך שליס זיך אן אן די טויזענדע אייך הארציג גראטולירען מיט דעם וואונדערבארען זיג וואס די יוניאן האט געוואונען דורך אייער פראקטישער, טרייער ענטשלאסענער פיהרערשאפט.

איך גראטוליר אייך, די פיהרער פון דער ניו יארק דזשאינט באארד און די לאקאל יוניאנס און די גרויסע מעמבערשיפ מיט דעם זיג וועלכער איז געווען מעגליך צו געווינען נאר דורך א פאלשטענדיגער איבערגעבענהייט, טריהייט צו דער יוניאן און פולע קאאפעראציע צו די פיהרער.

מען דארף ניט זיין בלינד אום אפצושאצען די גאנצע לאגע אין וועלכער עס געפינט זיך אונזער לאנד, אום צו קענען אנאליזירן דעם זיג. אט, יעט, עס וועלען זיך געפינען די שטענדיגע ביטערע שונאים פון דער יוניאן און מאנכע זאגענאנטע פילאזאפישע קריטיקער וועלכע וועלען זיכער זוכען צו פארקלענערן און אין מאנכע פעלע ארונטעררייסען די געווינסטן פון דער יוניאן און פארלוימדען די פיהרער פון דער ארגאניזאציע.

אבער דערפאר בין איך זיכער, אז די גרויסע מעמבערשיפ, די אינטעליגענטע טוער אין דער גאנצער ארבייטער באוועגונג וועלען מיט גרויס אכטונג און ליבע אפשאצען דעם גרויסען זיג וואס די יוניאן האט געוואונען.

מיט דעם זיג אלס דער ערשטער שריט אין אייער הויכען אמט, מעגט איהר זיין שטאלץ און, פליז, נעמט צו מיין הארציגסטען גליק־וואונש.

אייערער ווי אימער, אמת'ער פריינד און גענאסע,

אב. באראף.

צייכענס פון דער צייט

פון ש. פארבער

„דער שווארצעסטער וואלקן האט א זילבערנעם זוים", זאגט א פאלקסווערטעל. יעדער אומגליק, יעדע צרה ברענגט די מענשען אויך א ביסעל נוצען. אויב ניט גלייך אויפ'ן פלאץ, איז א ביסעל שפעטער.

אויך דער שוידערליכער קריזיס וואס באהערשט די וועלט די לעצטע עטליכע יאהר, וועלכער האט די ארבייטער מאסען ארייגעשלידערט אין דעם טיפסטען עלענד, האט זיי געבראכט נוצען. עס האט ביי די פארשלאפענסטע פון זיי אויפגעריסען די אויגען. עס האט זיי געמאכט זעהן די געזעלשאפט אין א נייעם ליכט.

עס האט די אמעריקאנער ארבייטער אויסגעשוכעט פון די זיסע חלומות, מיט וועלכע זיי האבען זיך געקוויקט. עס האט צוטרייסעלט זייער גלויבען, אז אמעריקא איז א לאנד פון אומבאגרענצטע מעגליכקייטען, אז אין אמעריקא האט יעדער א גלייכע געלעגענהייט זיך ארויפצוארבייטען און ווערען א גביר. די נויט, דער הונגער און וועלכער זיי זיינען ארייגעשליידערט געווארען איבערנאכט, האט זיי געצייגט אז אויך אין אמעריקא האבען זיך שוין די געזעלשאפטליכע שיכטען קריסטאליזירט; אז די קלאסען-צוטיילונג האט זיך שוין דא פעסט איינגעפונדעוועט; אז די גאנצע פראספעריטי איז געווען בלויז א פאזאדע צום קריזיס און אלץ וואס דער ארבייטער האט זיך דערווארבען דורך די עטליכע פעטע יאהרען, סיי דאס וואס ער האט אפגעשפארט אין געלט אדער איינענטום און סיי די בעסערע ארבייטס און לעבענס באדינגונגען צו וועלכע ער האט זיך דערשלאגען, — אלץ איז אוועק מיט'ן רויך אזוי שנעל ווי דער פינאנציעלער און עקאנאמישער שטורם האט זיך פאנאנדערגעהוליעט.

אמת, אויך די רייכע האבען געליטען פון קריזיס. א טייל פון זיי זיינען ארימער געווארען. מאנכע האבען פארלארען אלץ וואס זיי האבען געהאט. קיין אנדער קלאס האט אבער ניט געליטען אזוי שווער ווי די ארבייטער. דער ארבייטער האט ניט בלויז פארלארען אלץ וואס ער האט געהאט נאר ער האט פארלארען דעם ביסען ברויט פון מויל און דעם דאך פון איבער זיין קאפ. עלף מיליאן אין גאנצען ארבייטסלאז, ארום 16 מיליאן ארבייטען בלויז א פאר טעג א וואך און פארדינען ניט גענוג אויף דאס נויטיגסטע, די ביסעל וואס ארבייטען נאך האט מען געשניטען די שכירות ביז'ן ביין, אזוי אז עס וועט דארפען נעמען יאהרען פון קאמף ביז זיי וועלען צוריק זיך דערהויבען צו דעם לעבענס-סטאנדארד וואס זיי האבען געהאט פאר'ן קריזיס. ביי די רייכע האט דער קריזיס א ביסעל איינגעשרומפען זייער לוקסוס, ביי די ארימע האט עס אוועקגענומען די לעבענס-מיטלען.

און נאך א זאך האט דער אמעריקאנער ארבייטער דערזעהן. ער האט דערזעהן אז די רעגירונג, זיין רעגירונג, וועגען וועלכער מען האט איהם געלערענט אין שולע, אז זי איז די פארזארגערין פאר'ן גאנצען פאלק, פאר אלע בירגער גלייך, אהן אונטערשייד צי זיי זיינען רייך אדער ארים, איז אין דער אמת'ן בלויז די געטרייע באשיצערין פון די רייכע. פאר זיי זארגען זיך די קאנגרעסלייט און סענאטארען. די גאווערנארס, פרעזידענט און מיניסטארען. זיי העלפט און באשיצט די רעגירונג מיט אלע כחות. זי שאפט פאר זיי ביליגע קרעדיטען דורך דער „עמוירדזשענסי פינאנס קארפאריישאן"; ערלויבט די אייזענבאהנען צו פאראייניגען זיך אין א טראסט; ערלויבט די באנקען ארויסגעבען אסיגנאציעס אויף די רעגירונגס-באנדס וואס זיי האבען, אזוי אז אי זיי קריגען די פראצענטען פון דער רעגירונג, אי זיי האבען די קעש געלט מיט וועלכע זיי קענען ווייטער טאן געשעפט. גאנץ אנדערש פארהאלט זיך אבער די רעגירונג צו די ארבייטסלאזע מאסען וועלכע שטארבען פון הונגער. פאר זיי האט בלויז די רעגירונג געשאפען א בעטעל-אינסטיטוציע אויף א נאציאנאלען מאסשטאב. זיי שיקט מען אין די ברויט ליינס און אין הקדש. און טאמער בונטעווען זיי זיך איז פאר זייערטוועגען אנגעגרייט פאליציי, ריכטער, טורמעס, קלאבס און קוילען.

דורכ'ן קריזיס האט דער אמעריקאנער ארבייטער קלאר דערזעהן די קלאסען-צוטיילונג אין דער געזעלשאפט און דעם קלאסען כאראקטער פון דער רעגירונג. ער האט עס דערזעהן און זיין גאנצער געדאנקען-גאנג האט זיך איבערגעקערט. דער אמעריקאנער ארבייטער איז ראדיקאל געווארען.

די אמעריקאנער ארבייטער זיינען נאך, אמת, ניט געווארען קיין סאציאליסטען. זיי זיינען נאך ניט גרייט צו מאכען א רעוואלוציע און פארכאפען די פאבריקען. זיי ווייסען נאך אפילו ניט קלאר וואו עס ליגט דער פונדאמענט פון אלע צרות, פון וועלכע זיי ליידען און ווי אזוי מען קען עס אפשאפען. אזא רעוואלוציע אין די מחות קומט ניט איבערנאכט. דאס נעמט צייט. זייער גלויבען אבער אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג און אירע אינסטיטוציעס איז צוטרייסעלט געווארען, און וואס עס זאל שוין איצטער ניט געשעהן, ווען אפילו די צייטען זאלען זיך פארבעסערן און דער ארבייטער זאל ווידער פארדינען זיין ברויט, צום פארלארענעם גלויבען אין דער גוטסקייט און גערעכטיגקייט פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג וועט ער זיך שוין ניט צוריקקערען.

אלס באווייז פון דער איבערקערעניש, וואס דער קריזיס האט געבראכט אין די מחות פון די אמעריקאנער ארבייטער, קען דינען די נעענדערטע שטעלונג פון די פיהרער פון דער א. פ. אוו ל. צו די פראגען פון ארבייטסלאזען אינשורענס, רעגירונגס-הילף און עהנליכע פראגען.

אין די ראדיקאלע קרייזען האט מען אלע מאל שארף קריטיקירט די פיהרער פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר פאר זייער קאנסערוואטיווער שטעלונג צו ארבייטער-פראגען. די אבער וואס זיינען נעהנטער באקאנט מיט די אמעריקאנער ארבייטער פלעגען אלע מאל אנווייזען, אז די פיהרער פארטרעטען דעם שטאנדפונקט און די מיינונגען פון די מיטגלידער פון די יוניאנס. אז ווען די פיהרער וואלטען פרובירט נעמען א ראדיקאלע שטעלונג, וואלטען זיי אפגעריסען געווארען פון די מאסען, וועלכע זיינען ווייט הינטערשטעליג. דאס לעבען האט פילע מאל באשטעטיגט אט די באהויפטונג, און די איצטיגע נעענדערטע שטעלונג פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדערישאן האט עס נאך אמאל באוויזען.

מען דארף ניט מעהר ווי די שארפע געגנערשאפט וואס די פיהרער פון דער פעדערישאן האבען ארויסגעוויזען צו געצוואונגענע רעגירונגס פארזיכערונג געגען ארבייטסלאזיגקייט. די דאזיגע געגנערשאפט האבען די איצטיגע פעדערישאן-פיהרער נאך איבערגענומען פון גאמפערס'ן. ערשט ביי דער פאר-א-יאהריגער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. אין וואנקוואווער איז א רעזאלוציע צו פאדערען רעגירונגס-אינשורענס געגען ארבייטסלאזיגקייט נידערגעשטימט געווארען מיט א גרויסער מאיאריטעט. פרעזידענט גרין, מעטטיו וואל, פיורעסעטה און פילע אנדערע האבען גע'טענה'ט, אז אזא געזעץ וועט זיין אן אומגליק פאר די יוניאנס. איצט האט דער זעלבער עקזעקוטיוו קאונסיל איינשטימיג באשלאסען צו ארבייטען פאר דעם אז דער קאנגרעס זאל דורכפיהרען א פעדעראלען אינשורענס געזעץ. זיי האבען זיך אפילו אפגעזאגט פון באזונדערע אינשורענס געזעצען אין די סטעיטס. זיי ווילען דוקא איין אלגעמיינעם געזעץ פאר'ן גאנצען לאנד. וואס האט באוואויגען די פיהרער אזוי ראדיקאל צו ענדערען זייער שטעלונג אין דער פראגע?

פרעזידענט גרין האט אויף דעם געגעבען א קלארען ענטפער. ער האט געזאגט: „עטליכע פאקטארס האבען אונז געצוואונגען אנצונעמען אזא באשלוס. דער לאנגפארצויגענער קריזיס, פון וועלכען עס זעהט זיך נאך ניט קיין ענדע; די אוממעגליכקייט פון דער אינדוסטריע צו באזארגען אלעמען מיט ארבייט, און דער שטארקער

בוימס־באדינגונגען ווי פריהער. ווען דער
דזשאבער האט ניט געהאט קיין קאנטראל אי־
בער זיך מער דער יוניאן, וואס אנבאלאנגט
פראדוקציע אין זיינע אוטסייד־שעפער.
אויסער דעם ווערט דער קאנטראקטאר אויך
באגרענעצט בלויז צו צוויי דזשאבערס, פון
וועלכע ער קען באקומען ארבייט. און דאס
וועט אויך מאכען דעם קאנטראל אין זיין שאפ
פיל לייכטער פאר דער יוניאן. דאס רעכט
פון דער יוניאן צו טשאלענדזשען די ליסטע
פון קאנטראקטארס, וואס א דזשאבער שטעלט
צו גלייך פון אנפאנג, גיט דער יוניאן א
מעגליכקייט דורכצופיהרען אז דיזע „לימי־
טיישאן" זאל גלייך אויפגעשטעלט ווערען
אויף אן ערליכען און רעאלען באדען. און
זאל דאס געלונגען ווערען אין אנבאטראכט:
די מינימום קאסטען, וואס די דזשאבערס דאר־
פען צאהלען די קאנטראקטארס און וואס גיבען
די איינציגע פארזיכערונג, אז די ארבייטער
אין די קאנטראקטאר־שעפער זאלען קריגען באַ־
צאהלט די ריכטיגע סקיילס און אפהיטען די
אנדערע סטאנדארדס פון אגרימענטס, וועלען פיל
ווירקזאמער דורכגעפיהרט ווערען אונטער „לי־
מיטיישאן", ווען עס איז פאראן א מעגליכ־
קייט צו האבען א געוויסען קאנטראל אין די
אוטסייד־שעפער. אויסער דעם וועט דאס הא־
בען א באדייטענד בעסערע ווירקונג אויף די
אינסייד־שעפער, און די אינסיידיגע מאנופעק־
טשורערס וועלען זיך ניט אזוי יאגען אויפ־
צוגעבען זייערע שעפער און ווערען דזשאבערס,
ווייל דער אונטערשייד פון דעם אינסייד־שאפ
און אוטסייד־שאפ וועט ניט זיין אזוי גרויס
און די קאנקורענץ וועט ניט זיין אזוי שארף.
ארום און ארום איז דיזע זאגאר פויל־
וויזע „לימיטיישאן" אויך א באדייטענדער
שריט פארווערטס אין דער פארשטארקונג פון
יוניאן־קאנטראל איבער דער אינדוסטריע, וואס
מוז פיהרען צו א פארבעסערונג פון דער לאגע
פון די ארבייטער אין די אוטסייד־שעפער
און צו אן אלגעמיינער אויפהויבונג פון דעם
מצב פון די קלאוקמאכער.

דאס רעכט פון די דזשאבערס צו באשעפטיגען סעמפעל מאכער

דיזע פראגע איז געווען איינע פון די וויכ־
טיגסטע אישוס אין די פארהאנדלונגען פון
דער יוניאן מיט דער דזשאבערס' אסאסיאיי־
שאן און אויך מיט דעם אינדאסטריעל קאונ־
סיל, צוליב וועלכער די קאנפערענצען זיינען
א פאר מאל אפגעבראכען געווארען.
די דזשאבערס האבען געפאדערט, אז מען
זאל זיי דורכאויס ערלויבען צו באשעפטיגען
סעמפעל־מאכער און קאטערס. די יוניאן האט
זיך פעסט געשטעלט געגען דעם פארלאנג, אנ־
דיימענדיג, אז אין פאל מען וועט ערלויבען
די דזשאבערס צו באשעפטיגען סעמפעל־מאכער
און קאטערס וועט דורך דעם זיך אנטוויקלען
אזא לאגע, אז פילע פון אינסייד־מאנופעקטשו־
רירס וועלען איינגאנצען אויפגעבען זייערע
שעפער און וועלען אויך ווערען דזשאבערס,
ווייל דער אינדאסטריעל קאונסיל האט אויך,
צו דער זעלבער צייט, ארויסגעשטעלט די פא־
דערונג, אז אויב מען וועט די דזשאבערס ער־
לויבען צו באשעפטיגען בלויז סעמפעל־מאכער
און קאטערס, זאל מען זיי אויך געבען די
רעכט צו באשעפטיגען בלויז סעמפעל־מאכער
און קאטערס, און דאס וואלט זיי געגעבען א
פרייע האנד צו פארשליסען די אינסייד־שעפער.
וועגען דעם האט ליוטענאנט־גאווערנאר
לעהמאן געמאכט די פאלגענדע רעקאמענדאציע:
„דער אגרימענט צווישען דער יוניאן
און דער דזשאבערס' אסאסיאיישאן אנט־
האלטען ניט א דירעקטען פונקט, וואס
פארבאט זיי צו באשעפטיגען סעמפעל־מא־
כער, אבער לויט דער אויסטייטשונג פון
דעם אומפארטייאישען טשערמאן, האט קיין
דזשאבער, וועלכער האט ניט קיין אינ־
סייד־שאפ, ניט געטארט באשעפטיגען סעמ־
פעל־מאכער.
„די דזשאבערס' אסאסיאיישאן טענה'ט,
אז אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר
איז די באשעפטיגונג פון סעמפעל־מאכער
פון דזשאבערס געווארען אן אנערקענטער
פאקט און א ביזנעס־נויטווענדיגקייט.
„דער אינדאסטריעל קאונסיל נעמט אויך
די שטעלונג, אז אויב דער פארלאנג פון
דער דזשאבערס' אסאסיאיישאן וועט גע־
געבען ווערען, וועלען זייערע מעמבערס,
די אינסייד־מאנופעקטשורערס, אוועקגע־
שטעלט ווערען אין א שלעכטער לאגע, סיי־
דען מען זאל זיי אויך געבען די זעלבע
פריווילעגיעס. דאס הייסט, אז זייערע מעמ־
בערס זאל ערלויבט ווערען אויפצוגעבען
די אינסייד־שעפער, באשעפטיגען סעמפעל־
מאכער און אויפמאכען זייער גאנצע פרא־
דוקציע אין אוטסייד־שעפער.
„סאי די אינסייד־מאנופעקטשורערס וואס
באלאנגען צום אינדאסטריעל קאונסיל, און
סאי די יוניאן ארגומענטירען, אז אזא
ארראנזשמענט וואלט שטארק פארקלענערט די
פראדוקציע אין די אינסייד־שעפער פון דער
אינדוסטריע.
„איך אנערקענען, אז דיזע פראגע איז
ניט נאר א נייע אנטוויקלונג, נאר אויך
א וויכטיגע פאר דער גאנצער אינדוסטריע.
איך בין גענייגט אנצונעמען דעם ארגו־
מענט פון די דזשאבערס, אז די באשעפ־
טיגונג פון סעמפעל מאכער שטימט־איין
מיט דער מאדערנער אנטוויקלונג פון די
דזשאבינג־ביזנעס, און איך גלויב, אז דיזע
באשעפטיגונג פון סעמפעל מאכער דארף
לעגאליזירט און רעגולירט ווערען.
„פונדעסטוועגען, אום צו פארמיידען
אדער צו פארקלענערען די געפאהר פון דער
פארגרעסערונג פון דער פראדוקציע אין די
אוטסייד־שעפער אויף דעם חשבון פון די
אינסייד־שעפער און די ארבייטער, וואס
ווערען באשעפטיגט אין די אינסייד־שעפער,
דארף מיטגעהן מיט יעדען רעכט וואס מען
גיט די דזשאבערס צו באשעפטיגען סעמפעל־
מאכער, א פארזיכערונג, וואס וועט ארויפ־
לעגען א גרעסערע און מעהר דירעקטע
פאראנטווארטליכקייט אויף די דזשאבערס,
וואס אנבאלאנגט די ארבייטער אין דער
אינדוסטריע.
„דערפאר רעקאמענדיר איך, אז די
דזשאבערס זאל ערלויבט ווערען צו באשעפ־
טיגען סעמפעל־מאכער נאר דאן, ווען זיי
וועלען איינשטימען מיט איינעם פון די
פאלגענדע צוויי באדינגונגען:
א) אז זיי וועלען עטאבלירען „באַ־
נאפאיד" אינסייד שעפער צו פראדוצי־
רען סטאק אזוי גוט ווי סעמפעלס; אז
אזעלכע שעפער זאל ערלויבט ווערען
אויף דעם באזיס פון א געוויסער צאהל
ארבייטער פון אלע פאכען, און אז די
מינימום ארבייטער פון אזא שאפ זאל
באשטימט ווערען פון ביידע צדדים.
און אין פאל ביידע צדדים וועלען ניט
קענען קומען צו א פארשטענדניס, זאל
דאס באשטימט ווערען פון דעם אומ־
פארטייאישען טשערמאן; אדער
ב) אז דער דזשאבער וועט באשטי־
מען איינעם פון זיינע סאב־מאנופעק־
טשורערס אלס דעם שאפ, פאר וועלכען
ער וועט דירעקט זיין פאראנטווארטליך
פאר די ארבייטס־באדינגונגען, פאר די
ווידזשעס, און ער וועט דאן קענען
באשעפטיגען סעמפעל־מאכער אין פאר־
בינדונג מיט יענעם שאפ.
„איך רעקאמענדיר ווייטער, אז די דזשא־
בערס, וועמעס איצטיגע ביזנעס־מעטאדען
וועלען געטראפען ווערען פון דיזען פונקט,
זאל געגעבען ווערען א געוויסע מעגליכקייט
צוצופאסען זייערע ביזנעס, כדי נאכצוקומען
די אויבענדערמאנטע רעקאמענדאציעס.
„אלע דיזע רעקאמענדאציעס מוזען דורכ־
געפיהרט ווערען ניט שפעטער ווי בעפאר
דעם נעקסטען ספרינג־סעזאן (דערפאר וויל
די סעמפעלס פאר דיזן סעזאן זיינען שוין
אויפגעמאכט געווארען).
„די אויבענדערמאנטע רעקאמענדאציעס
ווערען געמאכט אהן א גענוגענדער מעגליכ־
קייט גרינדליך באקאנט צו ווערען מיט אלע
קאמפליצירטע זייטען פון דיזען פראבלעם
און ,הויפטזעכליך, פאר'ן צוועק צו באזיי־
טיגען די מאמענטאלע שוועריגקייטען.
„איך רעקאמענדיר, דארום, ווייטער, אז
די קאמישאן אין דער קלאוק אינדוסטריע
זאל גלייך אונטערנעמען א גרינדליכען און
אלגעמיינעם שטודיום פון דיזער פראגע און
אויף דעם באזיס פון אלע אומשטענדען און
אנטוויקלונגען פון דער קלאוק אינדוסטריע
און איהר שייכות צו די דזשאבערס, צו די
אינסאיד מאנופעקטשורערס און צו די אר־
בייטער, און זיי זאלען וועגען דעם אפגעבען
א פולשטענדיגען באריכט איידער דיזער אג־
רימענט געהט אויס".
אין קורצען באדייטעט עס, אז דער פארבאט
געגען די דזשאבערס צו באשעפטיגען סעמפעל־
מאכער בלייבט אין קראפט, ווי עס איז ביז
איצטער אויסגעטייטשט געווארען פון דעם
אומפארטייאישען טשערמאן, סיידען דער דזשא־
בער, וואס וויל באשעפטיגען סעמפעלמאכער,
וועט ענטוועדער אויפנעמען אן אינסאיד־שאפ
מיט א געוויסער צאל ארבייטער פון אלע פא־
כען און דארטען אויפמאכען זיינע סעמפעלס,
אדער ער וועט באשטימען איינעם פון זיינע
סאב־מאנופעקטשורערס אלס זיין אינסאיד־שאפ,
פאר וועלכען ער וועט זיין איינגאנצען פאראנט־
ווארטליך און דאן וועט ער אויך קענען אויפ־
מאכען זיינע סעמפעלס.

ריארגאניזיישאן

דיזער אגרימענט ווערט געמאכט בלויז
אויף א יאהר. אין פארלויף פון דיזען יאהר
וועלען קיינע „רעארגאניזיישאנס" ניט גע־
מאכט ווערען.
דאס איז געווען איינע פון דער יוניאנ'ס
פאדערונגען, און עס דארף באטראכט ווערען
אלס א באדייטענדער געווינס.

דיסטשארדזש

אין פאל אן ארבייטער ווערט אומגע־
זעצליך אוועקגעשיקט פון דזשאב און א
קאמפלעינט ווערט געמאכט, דארף דער
קאמפלעינט אויפגענומען ווערען פריהער
פאר אירגענד וועלכע אנדערע קאמ־
פלעינטס און א באשלוס אין אזא פאל
דארף ארויסגעגעבען ווערען אין פארלויף
פון 48 שטונדען נאכדעם ווי די יוניאן
פארלאנגט פון דער אסאסיאיישאן, אז זי
זאל דעם קאמפלעינט אונטערזוכען. אויב
א באשלוס אויף א קלאגע אין א דיס־
טשארדזש קעיס פארציהט זיך איבער 48
שטונדען, דארף דער ארבייטער, וועלכער
איז אומגערעכט אוועקגעשיקט געווארען,
קריגען באצאלט פאר זיין גאנצער צייט־
פארלוסט.
ביז איצט איז וועגען אזעלכע פאלען אין
דעם אגרימענט קיין באשטימטער פונקט ניט
געווען. אזעלכע קעיסעס פלעגען געהן פאר'ן
אומפארטייאישען טשערמאן. א סך צייט פלעגט
פארלארען געהן און קיין באשטימטע רול ווע־
גען דעם איז ניט געווען. די ערפאהרונג פאר
די לעצטע דריי יאהר האט אונז געלערענט, אז
דיזע פאלען מוזען ווי געהעריג רעגולירט ווער־
רען, און א באשטימטער געזעץ מוז אנגענומען
ווערען ווי אזוי די ארבייטער וואס ווערען
דיסטשארדזשט זאלען קענען קריגען זייערע
רעכטע ווי אמשנעלסטען און וואס אמווירקזאמ־
סטען. דעריבער האבען מיר געפאדערט, אז
אזא פונקט זאל אריינגעשטעלט ווערען אין דעם

די נייע פונקטען פון קלאוקמאכער אגרימענט

די פונקטען פון אגרימענט ווערען דא איבערגעגעבען מיט ערקלערונגען פון פרעזידענט ד. דובינסקי, צוזאמען מיט די רעקאמענדאציעס פון ליטענענט גאווערנאר לעהמאן

וואך־ארבייט

דער קאמף פאר וואך־ארבייט און געגען „סטענדארדס אוו פראדאקשאן", וועלכער איז געפירט געווארען איבער אלע די וויכטיגע פונקטען אין די פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים, איז פון דער יוניאן פאלשטענדיג געוואונען געווארען. אין זיין רעקאמענדאציע וועגען דעם פונקט, זאגט ליטענאנט־גאווערנאר לעהמאן ווי פאלגט:

„די איצטיגע סיסטעם פון וואך־ארבייט אין דער אינדוסטריע זאל פארבלייבען.

„איך רעקאמענדיר, אז ניט שטענדיג אויף דעם וואס אלע פריערע פאקטארען אין דער אינדוסטריע, אויסער די יוניאן, האבען ערנסט ארגומענטירט פאר שטיקארבייט און געגען וואך־ארבייט, אויף דעם גרונד, אז וואך־ארבייט ווערט פארלעצט, אז מען קען עס ניט אויפהאלטען און אז צוליב דעם וואס אין פילע שעפער ווערט שטיקארבייט געארבייט פון שטיק, ווערט געשאפען א קאנקורענץ וועלכע איז ניט געזונט פאר דער אינדוסטריע, בין איך איבערצייגט, ניט שטענדיג אויף דיזע ארגומענטען און ניט אריינגעהענדיג אין די מעלות פון די צוויי באזונדערע סיסטעמען, אז אזא ראדיקאלע ענדערונג וואלט געווען ניט ציימיג און ניט ווינשענסווערט.

„איך רעקאמענדיר, אז אלע צדדים זאלען אנבעטען און איינשטעלען סקעדיולס פאר מינימום ארבייטער־קאסטען (פאר קאנטראקטארס) מיט געהעריגע רעגולאציעס ווי אזוי זיי זאלען דורכגעפירט ווערען, און אז אזעלכע צוזאמענקונפטען וועלכע וועלען פארקומען, זאלען פארגעבראכט ווערען פאר'ן אומפארטייאישען טשערמאן.

דיזע רעקאמענדאציע באשטעטיגט דעם פרינציפ פון וואך־ארבייט אין דער קלאוק אינדוסטריע, כדי עס דורכצופירען און מאכען זיכער, אז אין די אינסייד שעפער וועלען די ארבייטער באקומען די ריכטיגע סקיילס, האט די יוניאן באוויליגט צו געבען אן אנטייל אין דער באשטימונג פון ארבייטסקאסטען וואס דער דזשאבער אדער מאנופעקטשורער דארף צאהלען דעם קאנטראקטאר פאר יעדען סארט גארמענט.

דער פיערטער פונקט אין דעם אגרימענט לאוט זיך ווי פאלגט:

„עס זאל געשאפען ווערען א „טרייד קאונסיל", וועלכער וועט באשטעהן פון א גלייכע צאהל פארשטעהער פון אלע צדדים צו דעם קאלעקטיווען אגרימענט צוזאמען מיט דעם אומפארטייאישען טשערמאן, און דיזער „טרייד קאונסיל" וועט דארפען עסטאבלירען גלייכע מינימום קאסטען פאר די ארבייט וואס ווערט געמאכט ביי די סאב־מאנופעקטשורערס און ביי די קאנטראקטארס. דיזע קאסטען וועלען גערעכענט ווערען לויט די ארבייט וואס יעדער סארט גארמענט פאדערט, אריינרעכענענדיג די עקזיסטירענדע ווידזש סקיילס פון די ארבייטער. יעדער צד צום קאלעקטיווען אגרימענט קען נעמען די איניציאטיווע צו זעהן, אז די עסטאבלירטע ארבייטס־קאסטען (פאר קאנטראקטארס) זאלען דורכגעפירט ווערען אין דער גאנצער אינדוסטריע לויט די מיטלען וואס דיזער אגרימענט שרייבט פאר.

„די יוניאן וועט נעמען אנטייל אין עסטאבלירען און דורכפיהרען די מינימום פראדוקציע־קאסטען, אבער די פראדוקציע־קאסטען מוזען ניט באריהרען די עסטאבלירטע ווידזש סקיילס און זאלען ניט דינען אלס א מוסטער פאר אינדיווידועלע פראדאקשאן".

„לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס"

די פאדערונג פון „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס" האט ארויסגערופען דעם שטארקסטען ווידערשטאנד פון די דזשאבערס. די פארהאנדלונגען זיינען כמעט צוליב דיזען פונקט אפגעבראכען געווארען פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן. ענדליך איז דער יוניאן געלונגען צו געווינען אן אנערקענונג פון דעם פרינציפ פון קאנטראקטאר־באגרענצונג, א פאדערונג, וואס די יוניאן האט נאך ארויסגעשטעלט אין 1928, און וואס האט צוליב פארשידענע אורזאכען ביז אצינד ניט געקענט דורכגעפירט ווערען. דער מעמאראנדום, אויף וועלכען ביידע צדדים האבען איינגעשטימט, און וועלכער וועט אויך אונטערגעשריבען ווערען אין דעם אגרימענט מיט דעם אינדוסטריעל קאונסיל, לייענט זיך ווי פאלגט:

„יעדער מיטגליד פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן זאל באשטימען ניט מעהר ווי צוויי מאל די צאהל סאב־מאנופעקטשורערס וויפיל ער דארף האבען פאר זיין פראדוקציע, אין פארלויף פון דעם צייטערמין פון דיזען אגרימענט.

די צאהל סאב־מאנופעקטשורערס וואס ער דארף זאל באשטימט ווערען:

1) לויט זיין פראדוקציע אין יאהר 1931.
2) לויט דער לאין ארבייט וואס ער מאכט, און
3) לויט וויפיל ארבייט א סאב־מאנופעקטשורער קען ארויסגעבען.

„מיטגלידער פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן דארפען אויסקליבען אין פארלויף פון צעהן (10) טעג נאכדעם ווי דער אגרימענט וועט אונטערגעשריבען ווערען, אם ווענינגסטען די פולע צאהל סאב־מאנופעקטשורערס, וואס איטליכער פון זיי דארף ווירקליך האבען. א ליסטע פון זייערע נעמען און אדרעסען דארף גלייך צוגעשטעלט ווערען צו דער יוניאן און צו דער אמעריקען אסאסיאיישאן. אויב די יוניאן אדער די אמעריקען אסאסיאיישאן טשאלענדזשט דאס רעכט פון א מעמבער פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן וועגען דער צאהל סאב־מאנופעקטשורערס וואס ער באשטימט פאר זיך, דארף אזא סכסוך אויסגעגליכען ווערען אונטער דעם קאלעקטיווען אגרימענט.

„אויב א דזשאבער באשטימט ניט גלייך פון אנפאנג אזוי פיל סאב־מאנופעקטשורערס צו וויפיל ער איז בארעכטיגט, מעג ער עס טאן שפעטער, ווען ער דארף זיי.

„א דזשאבער האט דאס רעכט צו רעגולירען די פארטיילונג פון זיין ארבייט צווישען אלע זיינע סאב־מאנופעקטשורערס, וועלכע ער האט אויסגעקליבען אזוי לאנג ווי ער קומט נאך די פארפליכטונג צו האנדלען אין „גוד פעיטה", דאס הייסט, אהן דיסקרימינירונג געגען איינעם וועלכען פון זיינע באשטימטע שעפער און צו דער צופרידענהייט פון דער יוניאן און די אמעריקען אסאסיאיישאן, אז ער צאהלט די ריכטיגע מינימום קאסטען.

„אויב א מיטגליד פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן זאל אין פארלויף פון דיזען אגרימענט אומבייטען זיין לאין ארבייט און זיינע אויסגעקליבענע סאב־מאנופעקטשורערס אדער א טייל פון זיי זאלען ניט קענען מאכען זיין נייע לאין ארבייט, זאל ער האבען דאס רעכט צו באשטימען נייע סאב־מאנופעקטשורערס אנשטאט די, וואס קענען זיין נייע ארבייט ניט פראדוצירען.

„די אויסוועהלונג פון סאב־מאנופעקטשורערס פון איטליכען דזשאבער זאל זיין פאר איין סעזאן. צוליב דעם אבער, וואס דער איצטיגער הערבסט און ווינטער סעזאן האט זיך שוין אנגעפאנגען, זאלען די ליסטען וואס די דזשאבערס שטעלען צו צו דער יוניאן זיין גילטיג ביז דער ענדע פון ספרינג סעזאן פון 1933, דאס הייסט, פאר'ן גאנצען טערמין פון דעם אגרימענט.

„די פארפליכטונג פון די דזשאבערס פאר ארבייטס סטאנדארדס אין די שעפער פון זייערע סאב־מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס זאל זיך באציהען אויף דעם, אז זיי מוזען צאהלען די סאב־מאנופעקטשורערס אם ווייניגסטענס די מינימום פון פראדוקציאנס־קאסטען, וואס ווערען עסטאבלירט פון די צדדים צו דעם קאלעקטיווען אגרימענט. די יוניאן דארף אנטייל נעמען אין עסטאבלירען און אויפהאלטען אזעלכע מינימום קאסטען פון פראדוקציע.

„די אויבען דערמאנטע פונקטען פון לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס ווערען אנגענומען פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן מיט דער פארפליכטונג פון דער יוניאן, אז זי וועט טאן אלעס וואס עס איז מעגליך צו פארשטארקען איהר קאנטראל אין דער אינדוסטריע און נעמט דערגרייכען וויכטיגע רעזולטאטען אין דיזען הינזיכט.

„אלע קאמפליינטס און סכסוכים אין פארבינדונג מיט דיזען פונקט, אויב זיי קענען ניט אויסגעגליכען ווערען דירעקט צווישען די פאראינטערעסירטע צדדים, זאלען פארגעבראכט ווערען פאר'ן אומפארטייאישען טשערמאן.

„קיין קאנטראקטאר זאל ניט טארען ארבייטען פאר מעהר ווי צוויי דזשאבערס".

דיזע פונקטען וועגען „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס" צייגען, אז די יוניאן האט צום ערשטען מאל אין איהר געשיכטע באוויזען צו עסטאבלירען א באשטימטע באגרענצונג פאר דזשאבערס און האט אויף זיי ארויפגעלעגט א מאס פון פאראנטווארטליכקייט פאר זייער פראדוקציע אין די אויטסייד שעפער.

די יוניאן האט דורך דעם אגרימענט ניט דערגרייכט פולע לימיטיישאן. דאס איז ריכטיג, און דאס וואלט פילייכט געווען צופיל צו ערווארטען ביים איצטיגען מאמענט. די יוניאן האט אבער ערווארבען האלבע אדער טיילווייזע לימיטיישאן, דאס הייסט, אז דער דזשאבער, אנשטאט דאס רעכט ארויסצושיקען זיין ארבייט צו וויפיל קאנטראקטארס ער וויל נאר, ווערט באגרענעצט צו א געוויסער צאהל — ניט מעהר ווי צוויי מאל אזוי פיל וויפיל ער געברויכט און אין דיזע באגרענעצטע שעפער פון זיינע באשטימטע קאנטראקטארס וועט דער יוניאן, נאטירליך, זיין לייכטער און ווירקזאמער צו קאנטראלירען און אויפהאלטען אר־

אויפגאבע פון דעם אגרימענט האט מען נישט געהאט קיין צייט צוריקצואינצושטעלען די אלטע וועידזשעס, ווערט עס פארשטאנען, אז די אלטע וועידזשעס זיינען ווידער אין קראפט, און דער נייער רעדאקשאן וועט ערשט געמאכט ווערען פון דיזע אלטע רעגולאר וועידזשעס.

ה) אין פאלען, וואו א פירמע האט רעדוצירט די וועידזשעס פון איהרע ארבייטער אין פארלויף פון לעצטען ספרינג-סעזאן אהן דער יוניאן'ס צושטימונג, זאלען אזעלכע רעדאקשאנס פארעכענט ווערען אלס אומגעזעצליך.

אונטערזוכונג פון ביכער

נאך א נייער פונקט אין דעם נייעם אגרימענט גיט דער יוניאן דאס רעכט צו פארלאנגען, אז דער אומפארטייאישער טשערמאן זאל אונטערזוכען די ביכער פון די מאנופעקטשורערס, וואס באלאנגען צו דעם אינדאסטריעל קאונסיל צוליב אורגענד וועלכער אורזאך.

ביז איצטער האט די יוניאן געהאט דאס רעכט צו פארלאנגען די אונטערזוכונג פון די ביכער פון אן אינדאסטריעל קאונסיל מעמבער בלויז אויף א „קאמפלעינט" פון „נאן-יוניאן פראדוקשאן", דאס הייסט, אז ער מאכט אויף ארבייט אין ניט-יוניאן שעפער. איצטער אבער קען אזא פארערונג געשטעלט ווערען צוליב אירגענד וועלכער אורזאכע, וואס די יוניאן געפינט פאר נויטיג.

דער נייער פונקט לעזט זיך:

„אויף דעם פארלאנג פון דער יוניאן, זאל דער אומפארטייאישער טשערמאן, אדער זיינע אקאונטענטס, אונטערזוכען די ביכער פון אירגענד-וועלכען קאונסיל-מעמבער, אום אויסצוגעפינען די לאגע אין דעם שאפ און צו דערגעהן, אויב די פונקטען פון דיזען אגרימענט ווערען אפגעהיט דארטען."

דיזען פונקט האט שוין די יוניאן געפאדערט עטליכע מאל פריהער און איצטער געהט עס צום ערשטען מאל אריין אין דעם אגרימענט.

פרעסינג-מאשינען

דער פונקט וועגען פרעסינג-מאשינען איז נאך נישט ערלעדיגט געווארען, ווייל דאס איז א פראגע, וואס דארף צוערשט געשליכטעט ווערען מיט דער „אמעריקען אסאסיאיישאן".

באגריסונגען צו ברודער דובינסקי'ס דערוועהלונג פאר פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל

ווען די נייעס אז ברודער דובינסקי איז ערוועהלט געווארען איינשטימיג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל איז באוואוסט געווארען, זיינען אנגעקומען מאסען ווארימע באגריסונגס טעלעגראמען פון יוניאנס, ארגאניזאציעס און פריינד פון ניו יארק און אנדערע שטעדט וועלכע מיר האבען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" נים געהאט קיין מעגליכקייט צו דרוקען, און מיר דרוקען זיי דעריבער אין דעם נומער.

פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער דזשאינט באארד

דייוויד דובינסקי, פרעזידענט
אינטערנעשאנאל ל. ג. וו. יוניאן,
8 וועסט 16טע סטריט.

די דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק דריקט אוים איהר פרייד אין נאמען פון די מיטגלידער מיט אייער ערוועהלונג צום אמט פון פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל — אן אמט, וועלכער איז געמאכט געווארען גרויס און איינפלוסרייך פון אייערע באריהמטע פארגענגער. אונזער קלאוקמאכער יוניאן איז באזונדערס גליקליך וואס איהר האט איבערנומען דעם פרעזידענט אמט אין א צייט ווען מוטיגע פיהרערשאפט און גרויסע פעהיגקייטען זיינען אזוי נויטיג, צו קענען ערפאלגרייך לייזען די שווערע פראבלעמען, און צו פאראייניגען די כחות אין דער יוניאן. נעמט אן אונזער באגריסונג און אונזער אויפריכטיגסטע פארזיכערונג אז מיר וועלען אייך שטענדיג העלפען אין אייער גרויסער ארבייט.

איזידאר נאגלער, דזשענ. מענעדזשער
פיליפ אנסעל, פרעזידענט
מאריס דזש. אשביז, סעקר.-טרעזש.

פון דער קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

דייוויד דובינסקי,
פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

די נייעס אז איהר זייט ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל איז מיט פרייד אויפגענומען געווארען פון אונזער עקזעקוטיוו באארד ביים מיטינג וואס מיר האבען געהאלטען דעם 16טען יוני. מיר ווייסען אז איהר זייט פאלשטענדיג באקאנט מיט די איצטיגע עקאנאמישע באדינגונגען און פראבלעמען פון אונזער ארגאניזאציע און פון די קלאוקמאכער און מיר זיינען זיכער, אז מיט דער פולער שטיצע און מיטארבייטערשאפט וועט אייך געלינגען צו פאראייניגען אונזערע רייהען און ארויסצושטעלען א געאייניגטע קעמפערישע ארמיי געגען די באלעבאטים אין די קומענדע קאמפען. מיר זיינען זיכער אז דאס וואס מיר זאגען דריקט אוים דעם סענטימענט פון אלע אונזערע מיטגלידער. נעמט אן אונזער אויפריכטיגען גרוס און פארשפרעכען מיטצוארבייטען פאלשטענדיג מיט אייך אין דער אנשטרענגונג אפצושאפען די כאאטישע באדינגונגען אין אונזער טרייד.

פאר דער עקזעקוטיווע פון לאקאל 1.
ר. צוקערמאן, טשערמאן
לואיס ליוויי, סעקרעטער-טרעזשורער.

פון דער קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

פרעזידענט דובינסקי,

אונזער הארציגסטער גרוס און וואונש צו אייער ערוועהלונג אלס דער הויפט פיהרער פון אונזער אינטערנעשאנאל. דער באשלוס פון דער גענעראל עקזעקוטיווע אייך צו דערהויבען צו דעם העכסטען אמט אין אונזער יוניאן האט די פולע צושטימונג פון אונזערע מיטגלידער און אהן ספק די צושטימונג פון אלע ארבייטער אין דער אינדוסטריע אזוי גוט ווי פון

פרעזידענט גרין'ס באגריסונג צום סעטעלמענט פון קלאוקמאכער סטרייק אין ניו יארק

מר. דייוויד דובינסקי, פרעזידענט
אינטערנעשאנאל ל. ג. וו. יוניאן.

איך בין זעהר גליקליך צו זעהן, אז איהר און אייערע מיטארבייטער זיינען געווען ערפאלגרייך אין דורכפיהרען א נייעם וויידזש-אגרימענט פאר די קלאוקמאכער ניט דארפענדיג רופען א סטרייק. די דערגרייכונג ווייזט אז איהר און אייערע מיטארבייטער האבען באוויזען קלוגע ארבייטער שטאטסמאנשאפט. איך ווייס ווי שווער עס האט געמוזט זיין אנצופיהרען די פארהאנדלונגען אונטער די איצטיגע ניט-גינסטיגע עקאנאמישע באדינגונגען און דערגרייכען אזא גרויסע מאס פון ערפאלג ווי איהר און אייערע מיטהעלפער האבען דערגרייכט.

דער פאקט אז איהר האט געוואונען היבשע פארבעסערונגען אין דעם נייעם אגרימענט און פארשפארט די מיטגלידער די נויט און לידען וועלכע וואלט אומפארמיידליך געמוזט קומען נאך א סטרייק וועט אייך ברענגען אייביגע אנערקענונג פון די מיטגלידער פון אייער גרויסער ארגאניזאציע און פון די באאמטע און מיטגלידער פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר. איך באגריס אייך און אייערע איבערגעבענע קאמעראדען מיט דעם ערפאלג וועלכען איהר האט געבראכט דורך אייער אנשטרענגונג. איך בעט אייך איבערגעבען גאווערנאר לעהמאן מיין טיפע אנערקענונג פאר דער זעהר ווערטפולער הילף וואס ער האט אייך געגעבען.

מיט די בעסטע וואונשען פארבלייב
איך, ברידערליך אייערער,
וויליאם גרין, פרעז. א. פ. אוו ל.

פון וויים פרעזידענט י. פיינבערג

נעמט אן מיין הארציגסטע באגריסונג צו דעם אויסגעצייכענטען זיג וואס איהר האט דערגרייכט אין דעם איצטיגען סכסוך מיט די באלעבאטים.

ישראל פיינבערג.

פון וויים פרעזידענט ע. רייזבערג

איך בעט אייך אננעמען מיין באגריסונג און דעם גרוס פון די פילאדעלפיער מיטגלידער צו אייער גרויסען אויפטו אין שליסען אן אפמאך אהן א סטרייק. מיר אלע זיינען באגייסטערט און פיהלען אז עס איז געמאכט געווארען א וואונדערבארע שטיקעל ארבייט. מיר בעטען אייך ניט איבער אונזער גרוס צו דער גאנצער פיהרערשאפט פון דער ניו יארקער דזשאינט באארד, דער סטרייק קאמיטע און די מיטגלידער. מיר ווינשען אייך אלעמען גליק.

עלייעם רייזבערג.

נייעם אגרימענט. דאס איז אויך א באדייטענ-
דער פארבעסערונג פון אלטען אגרימענט.

נאכצוקומען ענטשיידונגען

נאך א נייער פונקט אין דעם נייעם אגרימענט איז וועגען אויספיהרען באשלוסען פון די מענעדזשערס פון ביידע צדדים אדער פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן. דיזער פונקט נעהמט אריין אין דעם אגרימענט מיט דעם אינדאסטריעל קאונסיל און אויך מיט דער אמעריקען אסאסיאיישאן, און לויטעט זיך ווי פאלגט:

אלע באשלוסען פון די מענעדזשערס פון ביידע צדדים אדער פון ביזנעס אייגדזשענטס אדער פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן מוזען דורכגעפיהרט ווערען אין פארלויף פון 48 שטונדען. אויב א מיטגליד פון דער אסאסיאיישאן וועט ניט נאכקומען א באשלוס געגען איהם אין משך פון דיזער צייט, פארלירט ער אויטאמאטיש אלע זיינע רעכטע און פריווילעגיעס אונטער'ן אגרימענט און די יוניאן האט א פרייע האנט צו נעמען אייגענע וועלכע שטעלונג כדי צו באשיצען די רעכטע פון די ארבייטער געגען אזא באלעבאס.

די וויכטיגקייט פון דיזען פונקט אין דעם לעבען און אין דער ארבייט פון דער יוניאן איז שווער צו איבערשעצען. די פליכט פון דעם מאנופעקטשורער נאכצוקומען באשלוסע איז איצט שווארץ אויף ווייס, באגרענעצט צו 48 שטונדען און קיינע פארציהעכישען וועלען ניט געדולדעט ווערען פון דער יוניאן. די באלעבאטים וועלען וויסען, אז אזוי שנעל ווי דיזער טערמין פון 2 טעג איז פאריבער און זיי קומען ניט נאך א באשלוס געגען זיי, וועט די יוניאן האבען די פולע רעכט צו נעמען דירעקטע מיטלען געגען זיי און צווינגען זיי נאכצוקומען אן ענטשיידונג. אויך דאס איז א נייער פונקט אין דעם אגרימענט וואס די יוניאן האט געפאדערט און האט ענדליך בעקראגען.

שבת און אווערטיים ארבייט

די פראגע פון אווערטיים און שבת ארבייט, וואס איז אין דעם אלטען אגרימענט ערלויבט געווען אין געוויסע פעריאדען פון סיזאן, ווערט אין דעם נייעם אגרימענט אויסגעשטעלט אויף א גאנץ נייעם באזיס. אין אזא קריטישע לאגע ווי איצט איז, ווען פילע ארבייטער געהען ארום אינגאנצען אהן דזשאבס, האט די יוניאן געפאדערט, זאל אווערטיים אינגאנצען אויפגעגעבען ווערען.

דער נייער פונקט וועגען אווערטיים לויט זיך אזוי:

„אין פעריאדען פון לענגערער ארבייטסלאזיגקייט און ווען די יוניאן פארלאנגט עס, זאל דער אומפארטייאישער טשערמאן האבען דאס רעכט צו רעקאמענדירען, נאך א בעראטונג מיט די אסאסיאיישאנס, אז שבת און אווערטיים זאל אינגאנצען אויפגעגעבען ווערען פאר א געוויסער צייט.

אין אלע פריהערדיגע אגרימענטס האבען זיך די באלעבאטים ענטזאגט דיזע פאדערונג נאכצוגעבען. צוליב דער ארבייטסלאזיגקייט, וואס הערשט אין טרייד, זיינען די באלעבאטים, אבער, דיזען מאל בעצוואונגען געווען טיילווייז נאכצוגעבען דיזען זעהר וויכטיגען פונקט.

אן איינהייטליכע בוכקיפינג-סיסטעם פאר דער גאנצער אינדוסטריע

א וויכטיגע איינפיהרונג אין דעם נייעם אגרימענט איז דער פונקט, וועלכער פאדערט, אז יעדער מאנופעקטשורער, דזשאבער און קאנטראקטער מוז איינפיהרען א ספעציעלען סעט ביכער און רעקארדס, וואס האבען צו טאן מיט דער פעיראל; ארבייטס-קאסטען און אויטפוט פראדוקציע. דער פונקט לויט זיך ווי פאלגט:

„אן איינהייטליכער סעט ביכער און רעקארדס, וואס האט צו טאן מיט פעיראלס, ארבייטס-קאסטען און אויטפוט פראדוקציע, זאל אנגענומען ווערען פון אלע פירמעס אין דער קלאוק אינדוסטריע. דער אומפארטייאישער טשערמאן זאל אויסארביימען די פארמע פון אזעלכע ביכער און רעקארדס, און דער אומפארטייאישער טשערמאן, אדער זיינע אקאונטענטס זאלען האבען דאס רעכט צו אונטערזוכען דיזע ביכער צו יעדער נויטיגער צייט.

דאס באצוועקט צו געבען דער יוניאן א מעגליכקייט צו קאנטראלירען וועידזשעס, אווערטיים, נאן-יוניאן פראדוקציע און דאס אפהיטונג פון אלע אנדערע פונקטען.

פארפליכטונגען צו ארויסגעפאלענע ארבייטער

א וויכטיגער נייער פונקט וואס באשיצט די ארבייטער פון א שאפ וואס פארלירען זייערע דזשאבס צוליב דעם וואס א באלעבאס גייט אויף די ביזנעס און עפענט נאכדעם אויף אן אנדער שאפ, איז דער פאלגענדער פונקט:

„קיין מעמבער פון דער אסאסיאיישאן זאל האבען דאס רעכט אריינצוגעהן אין א נייער פארטנערשיפ אדער צוזאמענשטעללען זיין ביזנעס מיט א נייער פירמע סאידען די נייע פירמע וועט אויף זיך נעמען אלע פארפליכטונגען צו די ארבייטער פון די ביידע געוועזענע פירמעס. ווען אזא נייע פארטנערשיפ אדער צוזאמענשטעלונג ווערט פארמירט, זאל די אלטע ארבייטער וואס זיינען געווען באשעפטיגט פון די געוועזענע פירמעס געגעבען ווערען דעם פארצוג אין באשעפטיגונג איבער אלע אנדערע ארבייטער."

אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר, ספעציעל זינט די שלעכטע צייט האט זיך אנגעפאנגען און פילע קלאוק פירמעס זיינען געצוואונגען געווען ארויסצוגעהן פון ביזנעס, צו מאכען נייע פארטנערשיפס, אדער צוזאמענצושטעלען זיך מיט אנדערע פירמעס, איז דיזע פראגע פון באשעפטיגען די אלטע ארבייטער אין די נייע פארמירטע שאפס געווארען א גאנץ אנגעווייטאגטע. פילע אזעלכע פעלע זיינען אויפגעקומען פאר דער לעצטער צייט פאר דעם אומפארטייאישען טשערמאן; אין דעם אלטען אגרימענט אבער איז קיין באשטימטער פונקט וועגען אזא פארפליכטונג צו די אלטע ארבייטער ניט געווען. דיזער פונקט פון פארצוג צו די פריהער באשעפטיגטע ארבייטער, לעגט ארויף א קלארען און דירעקטען חוב אויף די נייע פארמירטע פירמעס צו באשעפטיגען זייערע עהמאליגע ארבייטער און דאס וועט, נאטירליך, פארשטארקען די פאזיציע פון דער יוניאן אין באצוג צו דיזער פראגע.

„בעק פעי" צו ארבייטער

די פראגע פון בעק-פעי פאר ארבייטער, וואס קריגען ניט ריכטיג באצאלט סיי פאר רעגולער ארבייט און סיי פאר אווערטיים און פעי פאר יום טובים, איז אויך פאר די לעצטע עטליכע יאהר געווארען גאנץ קאמפליצירט. די יוניאן האט אויסגעמאנט פאר די ארבייטער פאר דיזער פעריאדע צעהנדליגע טויזענטער דאלאר אין בעק-פעי, און פאלען וואו די ארבייטער זיינען געצוואונגען געווארען פון די באלעבאטים איינצוגעהן אויף פארשידענע אראנזשמענטס צו קריגען ביליגער באצאלט אבי זיי זאלען קריגען ארבייט. נאטירליך, וואו עס איז אויסגעפונען געווארען, אז אזעלכע „דיעלס" זיינען געווען די שולד פון די ארבייטער גופא, האט די יוניאן זיי באשטראפט. קיין אויסדריקליכער פונקט אויפצומאנען בעק-פעי איז אין דעם אלטען אגרימענט ניט געווען.

דער נייער פונקט לויטעט זיך ווי פאלגט:

„אויב עס וועט אויסגעפונען ווערען, אז א מיטגליד פון דער אסאסיאיישאן האט נישט ריכטיג באצאלט זיינע ארבייטער פאר רעגולער-ארבייט, אווערטיים ארבייט אדער פאר יום-טובים, מוז ער אומקערען דיזע גאנצע סומע פאר א משך צייט נישט לענגער ווי פאר זעקס מאנאטען, און דיזע געלט מוז דער באלעבאס איבערגעבען דער יוניאן פאנאנדערצוטיילען צווישען די ארבייטער, וואס זיינען בארעכטיגט דערצו, און די יוניאן נעמט זיך אונטער צו דיסציפלינירען די ארבייטער, וואס נעמען אנטייל אין אזעלכע אומגעזעצליכע פארשטענדענישען מיט די באלעבאטים."

דיזער נייער פונקט לייגט ארויף א באשטימטע ציוויל-שטראף אויף די באלעבאטים, וועלכע מאכען „דיעלס" מיט זייערע ארבייטער פאר „רעדאקשאנס", און אזוי ווייטער. און עס איז צו האפען, אז עס וועט פארמיידען אין דער צוקונפט פילע פון די פארלעצונגען און די „דיעלס".

צו דער זעלבער צייט דארפען די ארבייטער וויסען, אז ווייטער ווי פאר זעקס מאנאטען „בעק פעי" וועט מען פון די באלעבאטים נישט קענען קאלעקטען, און עס וועט פאר זיי פיל געזינטער זיין אין אזעלכע „דיעלס" ניט אריינצולאזען זיך, ווייל אונטער דיזען פונקט איז די יוניאן פארפליכטעט צו דיסציפלינירען ארבייטער פאר אזעלכע ביזנעס.

וועידזשעס

די איינציגע קאנצעסיע, וואס די יוניאן איז געווען געצוואונגען צו געבען די באלעבאטים איז א רעדאקשאן אין וועידזשעס פון פינף דאלאר א וואך, ארום צעהן פראצענט.

אנגעפאנגען זייער פאדערונג פאר א רעדאקשאן אין וועידזשעס האבען די באלעבאטים מיט 25 פראצענט, אדער ווי זיי האבען עס פארגעלייגט, דעם 1919 וועידזש-סקעיל, מענה'נדיג, אז דאס לעבענס-מיטעל איז אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר ארונטערגעפאלען אויף אזוי פיל. די פארשטעהער פון דער יוניאן האבען זיך אנטזאגט נאכצוגעבען א רעדאקשאן, אבער אינגאנצען אויסמיידען א רעדאקשאן איז געווארען אוממעגליך. די יוניאן איז געווען אמשטארקסטען פאראינטערעסירט, אז די באלעבאטים זאלען צוריקציהען זייער פאדערונג פאר שטיק ארבייט און סטענדערד פון פראדאקשאן, און אזוי ווי אלע אנדערע יוניאנס איבער'ן גאנצען לאנד, אהן אויסנאהם, האבען שוין לאנג נאכגעגעבען פיל גרעסערע רעדאקשאנס, אין וועידזשעס, דארום איז אונזער יוניאן ענדליך איינגעגאנגען אויף א גלייכע רעדאקשאן פון פינף דאלאר.

פארשידענע אויסנאמען און באגרעניצונגען זיינען אבער געמאכט געווארען, וואס באשיצען אזעלכע ארבייטער, וואס האבען שוין געקראגען רעדאקשאנס אין געוויסע פאלען, ווי פאלגט:

א) אין פאל ארבייטער האבען איינגעשטימט אין געוויסע שעפער צו ארביטען פאר ביליגער אויף זומער גארמענטס, זאל דאס ניט פארעכנט ווערען פאר א רעדאקשאן, און דער נייער רעדאקשאן זאל ארונטערגערעכנט ווערען פון זייערע אלטע רעגולערע סקעילס.

ב) אין שעפער, וואו רעדאקשאנס זיינען נאכגעגעבען געווארען זינט דעם ערשטען דזשון (נאכ'ן אויסגעהן פון דעם אלטען אגרימענט), זאלען דיזע רעדאקשאנס נישט פארעכנט ווערען אלס געזעצליך.

ג) אין שעפער, וואו מען האט ארויפגענומען נייע ארבייטער און זיי האבען באקומען, אהן דער יוניאנס צושטימונג וועידזשעס אונטער דעם סקעיל, זאל דאס פארעכנט ווערען אלס אומגעזעצליך, און זיי וועלען דארפען באקומען די נייע סקעילס.

ד) אין פאלען, וואו די יוניאן האט איינגעשטימט אויף א רעדאקשאן פאר „טאיים קאנטראקט", און צוליב דעם

אין אונזערע יוניאָנס

בעריכטען און צושריפטען וועגען טהעטיגקייטען און געשעהענישען אין אונזערע לאָקאַלען און דזשאָינט באָארדס.

ניו יאָרקער ליידיס טיילאָרס פּלאַנעווען צו סטרייקען

פון לעאָן רוישנעף, ביזנעס-אַגענט

ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 20טען יולי אין רענד סקוהל אודיטאָריום האָבען אונזערע מעמבערס געגעבען פולמאַכט דער אדמיניסטראציע צו מאַכען אַלע נויטיגע פאַרברייטונגען פאַר א גענעראַל-סטרייק אין ליידיס טיילאָר טרייד צום קומענדען פאַל סעזאָן.

דעם באַשלוס צו סטרייקען האָבען אונזערע מעמבערס ניט אָנגענומען לייכטזיניג נאָר נאָך אַן ערנסטער איבערלעגונג. די דיסקוסיע ביי דעם מיטינג האָט באַוויזען, אַז אונזערע מעמבערס זיינען גוט באַקאַנט מיט דער שווערער לאַגע וואָס עס הערשט איצט אין דער אינדוסטריע בכלל און אין אונזער אַפּטיילונג פון פרויען-קליידער בפרט. עס האָט אָבער אויך באַוויזען אַז די ליידיס טיילאָרס זיינען איצט אַנטשלאָסען ניט צו דערלאָזען זייערע באַסעס זיך באַנוצען מיט דעם קריזיס אויף אוועקצונעמען ביי זיי די יוניאָן באַדינגונגען און צוברעכען זייער יוניאָן וועלכע זיי האָבען אויפגעבויט מיט אַזוי פיל אַנשטרענגונג און קרבנות.

אַט דער איינשטימיגער באַשלוס פאַר א סטרייק איז געווען א קלאָרע וואָרנונג צו די באַלעבאַטים, אַז די מיטגלידער פון לאָקאַל 38 וועלען קעמפען ביז די לעצטע כחות אויפצוהאַלטען די יוניאָן באַדינגונגען און האָט רעכט צו פאָדערן אויף אַן אַנשטענדיגען לעבען פאַר זייערע פאַמיליעס; אַז דער אַלטער קאַמפס-גייסט פון די ליידיס טיילאָרס, אויסגעשמידט אין דעם פייער פון איבערן קאַמף פאַר די לעצטע 20 יאָהר, לעבט נאָך אַלץ; אַז די אַרבייטער אין די ליידיס טיילאָרינג שעפּער זיינען גרייט צו באַשיצען זייער יוניאָן אום יעדען פּרייז אין די שלעכטע צייטען פונקט ווי אין די גוטע צייטען.

עס איז קוים נויטיג צו זאָגען, אַז ווען דער סטרייק וועט גערופען ווערען וועט עס אויך זיין א סטרייק צו אָרגאַניזירען די ניט-יוניאָן שעפּער, וואו די אַרבייטס-שטונדען, וויידזשעס און באַדינגונגען ווערען בכלל פאַרערגערט. אַט די לאַגע פון די ניט-אָרגאַניזירטע שעפּער האָט נאַטירליך איהר איינפלוס אויך אויף די אַרבייטער פון די יוניאָן שעפּער און עס איז דעריבער אונז נויטיג זיי צו אָרגאַניזירען.

פון איצט ביז דעם אָנהויב פון פאַל-סעזאָן וועלען מיר אָנפיהרען אַן ענערגישע טעטיגקייט צווישען אַלע אַרבייטער אין טרייד צוצוגרייטען זיי פאַר'ן קומענדען סטרייק. עס וועלען באַלד פאַר דעם צוועק אָרגאַניזירט ווערען די נויטיגע קאָמיטעס. דער אַקטיווער עלעמענט וועט מאָביליזירט ווערען און עס וועלען גערופען ווערען אונצעהליגע שאָפּ-מיטינגען. ביסלאַכווייז וועט געזעצט ווערען אין באַוועגונג די מאַשינערי פאַר א לעבעדיגען און לאָמיר האָפען ערפאָלגרייכען אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין.—

א סטרייק איז ניט קיין פּיקניק

קיינער ווייס ניט בעסער ווי אונזערע מיטגלידער, אַז א סטרייק איז ניט קיין שפּילכעל. עס זיינען נאָך ניט אַוועק קיין פולע צוויי יאָהר זינט מיר האָבען לאַנג און ביטער געקעמפט מיט אונזערע באַלעבאַטים פאַר 22 וואָכען. און ווען טראָץ דעם וואָס די ערפאַהרונג איז נאָך פריש אין זכרון פון אונזערע מעמבערס האָבען זיי דאָך איינשטימיג באַשלאָסען פאַר א גענעראַל-סטרייק, איז עס בלויז דערפאַר וואָס זיי באַגרייפען אַז עס איז איינפאַך לעבענס-וויכטיג פאַר דער אויפהאַלטונג פון זייער יוניאָן און די לעבענס באַדינגונגען וואָס זיי האָבען זיך דערשלאָגען אין טרייד.

סטען אַקט פון דער וויכטיגסטער אידישער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד.

די אינטערנעשאָנאַל לוידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן איז פון ערשטען טאָג פון איהר גרינדונג און אין אַלע צייטען געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייהען אין די קאַמפען וואָס די אידישען אַרבייטער אימיגראַנטען האָבען דורכגעמאַכט דאָ אין לאַנד. די אינטערנעשאָנאַל איז אַלע מאָל געווען לאָיאַל צו אַלע טיילען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. איהר פיהרערשאַפט איז אַלע מאָל ערצויגען געוואָרען אין גייסט פון טרייהייט, אין גייסט פון סאָציאַליזם. און פאַר דעם קומט א סך צו פאַרדאַנקען די מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען אַן דער שפּיץ פון דער אינטערנעשאָנאַל.

מיר זיינען זיכער, אַז איהר וועט ניט בלויז זיין א געטרייער נאָכפאָלגער פון אַלע פריהערדיגע פיהרער, נאָר אַז אייער יונגע ענערגיע, אייער טרייהייט, אייער סאָציאַליסטישע ערציהונג אויף יענער זייט ים, גיט אויך די גרויסע מעגליכקייט צו פיהרען די אינטערנעשאָנאַל אויף די ברייטע וועגען פון קאַמף און ערפאָלג.

מיר ווייסען, אַז איהר האָט איבערגענומען די פיהרערשאַפט אין א צייט, ווען די יוניאָן ווערט אַריינגעצויגען אין א גרויסען קאַמף מיט די בעלי בתים. מיר ווייסען די שוועריגקייטען וועלכע זיינען מיט דעם איצטיגען קאַמף פאַרבונדען. עס איז ביי אונז קיין צווייפעל ניט, אַז איהר אַלס ערוועהלטער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל וועט טאָן אַלצדינג, אַז מיר זאָלען זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס אַזאַ יונגער מענש ווי איהר, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע, און אַז אונטער אייער פיהרערשאַפט וועט די אָרגאַניזאַציע געפיהרט ווערען צו ערפאָלג.

נעמט צו אונזער אַלעמענס באַגריסונג אַלס ערוועהלטער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, און מיר פאַרזיכערען אייך, אַז אַלץ וואָס וועט ליגען אין אונזערע קרעפטע כחות וועלען מיר טאָן צו העלפען אייך צו יעדער צייט.

מיט גענאָסענשאַפטליכען גרוס,

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד.

סאָול ריפּקין, טשערמאַן
נ. כאַנין, סעקרעטאַר.

דער 30טער יוני, 1932.

מר. ס. ריפּקין, טשערמאַן; מר. נ. כאַנין, סעקרעטאַר אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, 175 איסט בראָדוויי, נ. י.

ווערטע גענאָסען:

אייער באַגריסונג אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד איז מיר ספּעציעל אָנגענעם, ווייל איך באַטראַכט אייער אָרגאַניזאַציע אַלס דעם אַמעריקאַנער טייל פון „בונד" מיט וועלכען איך האָב פאַרבראַכט מיינע ערשטע יאָהרען אַלס „סאָלדאַט" אין דער גרויסער אַרבייטער אַרמעע.

איצט, ווען איך האָב די זכיה אַז אייער אָרגאַניזאַציע זאָל מיך באַגריסען אַלס דעם פּרעזידענט פון א גרויסער טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציע, פאַרשטאַר איך אייך פאַרזיכערען, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל וועט, ווי אימער, זיין די הויפּט טריב-קראַפט אין אונזערע טאָג-טעגליכע קאַמפען. עס איז אמת, אַז אַזאַ גרויסע אָרגאַניזאַציע ווי אונזערע, וועלכע נעמט אַריין אין זיך פאַרשידענע עלעמענטען מיט פאַרשידענע ריכטונגען און גרופּירונגען, אונטערשטרייכט אין איהרע טאָג-טעגליכע קאַמפען די עקאָנאָמישע פאָדערונגען. אָבער דער גייסט פון אונזער מיטגלידערשאַפט, צוליב דער פאַרפלאַנצונג וועלכע איז געמאַכט געוואָרען אין זיי אין זייערע ערשטע יאָהרען אין דער אַלטער היים, און נאָכהער אונטער דעם איינפלוס פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקא, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אַזוי שטאַרק באַהערשט, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל וועט ווייטער בלייבען דער פאַקעל וואָס וועט באַלייכטען די קאַמפען פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

און פּונקט דערפאַר ווייל איך ווייס, אַז די פאַראַנטוואָרטליכקייט איז אַזוי גרויס, ספּעציעל אונטער די אויסערגעוועהנליכע שווערע אומשטענדען אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט, איז עס א גרויסע טרייסט צו וויסען, אַז מיר קענען האָפען און ערוואַרטען פון אייך, אַלס פאַרשטעהער פון אייער אָרגאַניזאַציע, צו קריגען אייער וואַרימע קאָאָפּעראַציע.

נעמט אָן מיין הערציגסטען דאַנק און בעסטע וואונשען, מיט גענאָסענשאַפטליכען גרוס,

דוד דובינסקי
פּרעזידענט-גענעראַל סעקר. א. ל. ג. וו. י.

זען אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג, דאָ אין לאַנד. קיין בעסערער אינסטיטוציע האָט נים געקענט געמאַכט ווערן קיינמאָל. ספּעציעל אין דעם איצטיגען מאָמענט ווען מיר שטעהען אַזוי אַ קאַמף מיט די באַלעבאַטים, אין וועלכען דאָס לעבען פון אונזער יוניאָן און די עקזיס־טענץ פון אונזער מיטגלידערשאַפט איז אין וואַגשאָל. מיר זיינען זיכער אַז מיט אייער פעהיגקייט, ערפאַהרונג, ערליכקייט און גרויס־ארטיגען כאַראַקטער וועט איהר באַזיעגען די איבעריגע און אויסערליכע שונאים פון אונ־זער יוניאָן און פיהרען די אָרגאַניזאַציע פון זיג צו זיג. איהר מעגט זיך פאַרלאָזען אויף אונזער איבערגעגעבענע שטיצע און מיטאַרבייטער־שאַפט אין אַלע אייערע אונטערנעהמונגען פאַר דעם נוצען פון אונזערע מיטגלידער.

עקזעקוטיוו באָארד קלאָוק פיניש־
שערס יוניאָן לאָקאַל 9.
קורצמאַן, סעקרעטער.

פון קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10

ברודער דובינסקי:
דזשענעראַל עקזעקוטיוו
לאָקאַל 10 ניו יאָרק.

מיר בעטען אייך אַננעמען אונזער האַר־ציגסטע באַגריסונג און בעסטע ווינשען צו אייער ערוועהלונג אלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן. זאָל אייער אַדמיניסטראַ־ציע אין דעם קומענדען קאַמף מיט די קלאָוק פאַבריקאַנטען געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10
פּערלמוטער, סעקרעטער.

פון דער ריפער מאַכער יוניאָן לאָקאַל 17

דייוויד דובינסקי, פּרעזידענט.

די באַאַמטע און מיטגלידער פון לאָקאַל 17 ווילען אויסדריקען זייער האַרציגסטע באַגרי־סונג צו אייער ערוועהלונג אלס פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאַנאַל. מיר ווילען אייך פאַרזיכערן אין אונזער איבערגעגעבענהייט און שטיצע אין אַלע אייערע שוועריגקייטען וואָס איהר וועט באַגעגענען צום שאַפען פון די פּרי־ווענטער אַרבייטער. האָט איז אייך אַנפאַרטרויט געוואָרען צו פירען און באַשיצען. קיין בעסערער אינסטיטוציע האָט נים געקענט געמאַכט ווערען. מיר פיהלען אַז דער שיקזאַל פון אונזער אינטערנעשאַנאַל איז איבערגעגעבען גע־וואָרען אין די הענט פון אַ פעהיגען, איבער־געגעבענעם, געטריען און ערפאַהרענעם פיהרער.

דזשייקאָב ראָש תאַלעה
סעקרעטער לאָקאַל 17.

פון דער ניו יאָרקער דרעס דזשאָינט באָארד

דייוויד דובינסקי, פּרעז. א. ל. ג. וו. י.

מיר בעטען אייך אַננעמען אונזער אויפ־ריכטיגע און האַרציגע באַגריסונג צו אייער ערוועהלונג צום העכסטען אַמט אין אונזער אינטערנעשאַנאַל. אייער ערוועהלונג איז נים בלויז דער איינשטימיגער אויסדרוק פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, נאָר אויך דער איינשטימיגער אויסדרוק פון אונזער גאַנצער מעמבערשיפּ. מיר ווייסען אַז אונטער אייער פיהרערשאַפט וועט אונזער יוניאָן אַנטוויקלען אייערע הויכע פעהיגקייטען און איהר אַנטוויקלען און דער אַלגעמיינער אַרבייטער באַוועגונג, און וועט אַרויסקומען זיגרייך פון איהר קאַמף פאַר מענשליכע לעבענס סטאַנדאַרדס און באַדינ־גונגען פאַר די אַרבייטער פון דער אינדוסטריע. אייער פעהיגקייט, אייער איבערגעגעבענהייט וועט אונז פיהרען צו אַלע גרעסערע און גרעסערע דערגרייכונגען. מיר באַגריסען אייך אלס אונ־זער פיהרער און פאַרזיכערן אייך אַז מיר וועלען מיטאַרבייטען און זיין אַ דיסציפּלי־נירטע אַרמיי. לאַנג לעבען זאָל אונזער אינ־טערנעשאַנאַל!

דזשאָינט באָארד דרעס און וויסט
מאַכער יוניאָן
דזשוליוס האָכמאַן, דזשענ. מענעדזשער
אַנטאָניאָ קריוועלאַ, סעקרעטער
איזידאָר וואַסילעווסקי, פּרעזידענט.

פון דער דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 22

פּרעזידענט דייוויד דובינסקי:

אייער ערוועהלונג אלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל איז אַ גלענצענדע אַנערקענונג פאַר אייערע פילע דערגרייכונגען אלס פיהרער און פאַרוואַלטער פון אונזער יוניאָן.

מיר זיינען איבערצייגט אַז אייער פעהיג־קייט און איבערגעגעבענהייט צו אונזער אָרגאַ־ניזאַציע מאַכט אייך באַזונדערס פּאַסיג פאַר דעם אַמט וועלכער איז לעדיג געוואָרען דורך דעם טויט פון אונזער פריהצייטיג פאַרשטאָר־בענעם פּרעזידענט שלעזינגער. נעמט אָן אונ־זער אויפריכטיגען גרוס און פאַרזיכערונג אַז מיר וועלען אייך העלפען אין דער שווערער אויפגאַבע וואָס שטעהט פאַר אייך.

פאַר דער עקזעקוטיווע פון לאָק. 22
מאַקס בלושטיין, סעקרעטער
נייטהען מאַרגאָליס, טשערמאַן.

פון איטאַליענישער דרעסמאַכער לאָקאַל 89

פּרעזידענט דייוויד דובינסקי:

אין נאָמען פון די באַאַמטע, עקזעקוטיוו באָארד און מיטגלידער פון לאָקאַל 89 נעמט אָן אונזער האַרציגסטע באַגריסונג צו אייער ערוועהלונג אלס הויפּט פאַרוואַלטער פון אונ־זער יוניאָן. מיר גלויבען זיכער, אַז אונטער אייער פיהרערשאַפט וועט אונזער אָרגאַניזאַציע אַרויסקומען זיגרייך אין אַלע קאַמפען און וועט אונז גיבען נייעדער זיג, אַזוי שטאַרק און מעכטיג ווי זי איז געווען מיט איניגע יאָהר צוריק.

לואיגי אַנטאָניני, דזשענ. סעק.

פון קליוולענדער דזשאָינט באָארד

דייוויד דובינסקי, פּרעזידענט
אינטערנעשאַנאַל ל. ג. וו. יוניאָן.

אַ לויב דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פאַר אויסוועהלען דעם איצטיגען קריזיס וואָס שטעהט פאַר אונזער יוניאָן און רופען אונ־זער טעכטיגסטען פיהרער דייוויד דובינסקי צו פאַרנעמען דעם פּרעזידענטס אַמט און זיין דער פאַהנען־טרעגער פון אונזער אינטערנעשאַנאַל. אייער אַרבייט, ברודער דובינסקי, אלס עקטינג פּרעזידענט זאָגט עדות און באַרעכטיגט אונ־זער איבערצייגונג אַז איהר וועט ערפילען אייערע אויפגאַבען אלס פּרעזידענט פון אונ־זער יוניאָן. אייער ערפאַהרונג און גרויסע אַנגעלעגענהייטען האָט באַוויזען, אַז איהר זייט אַ רעאַליסט און אידעאַליסט וועלכער שטעהט איבער דער צושוילונג אין גרופּען און פראַק־ציעס. די גאַנצע מיטגלידערשאַפט וועט זיך פאַראייניגען אונטער אייער טיטיגער און ער־פאַהרענער פיהרערשאַפט און אַרבייטען מיט אייך צוריקצוברענגען דעם פּרעסטיזש פון אונ־זער אינטערנעשאַנאַל. מיר פאַרשפּרעכען אונ־זער מיטהילף און הילף. מיר זיינען זיכער, אַז איהר וועט צוריקברענגען דעם אַמאָליגען גלאַנץ פון אינטערנעשאַנאַל און די יוניאָן־ביויהען.

ווינשענדיג אייך אַלץ גרעסערן ערפאָלג,
קליוולאַנד דזשאָינט באָארד
אייבראַהאַם וו. קאַטאַווסקי, מענ.

פון דער שיקאַגאָ דזשאָינט באָארד

דייוויד דובינסקי, פּרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

מיר נעמען דעם פאַרגעניגען צו באַגריסען אייך מיט אייער ערוועהלונג אלס פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאַנאַל. אונזער יוניאָן שטעהען פאַר שווערע פּראָבלעמען אין איצטי־גע שווערע צייטען און אייער פעהיגע פיה־רערשאַפט און פּרעסטיזש צווישען די מיטגלי־דער און דער אַלגעמיינער אַרבייטער באַווע־גונג וועט פיל ביימראָגען צו ברענגען נאָ־הענטען און האַרמאָנישען צוזאַמענאַרבייטען פון אַלע אַרבייטער פאַר דעם וואוילזיין פון אונזער אינטערנעשאַנאַל. בעסטע ווינשען פאַר ערפאָלג.

שיקאַגאָ דזשאָינט באָארד
מ. א. גאָלדשטיין, סעק. טרעזשורער.

פון מאָנטרעאַלער דזשאָינט קאָונסיל

דייוויד דובינסקי, פּרעזידענט.

מאָנטרעאַלער קלאָוקמאַכער פרעהען זיך צו־זאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל מיט אייער ערוועהלונג אלס פּרעזידענט. אייער ערוועהלונג וועט אויפגע־נומען ווערען מיט איינשטימיגע צופריעדענהייט און באַגייסטערונג פון די מיטגלידער. אייער קעמפערישקייט און קלאַסען־טריימיים האָט אייך פעסט איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון אונ־זערע מיטגלידער. מיר האָפען אַז איהר וועט פיהרען אונזער אינטערנעשאַנאַל פאַר פילע יאָהרען און אַז מיר וועלען צוריקגעווינען אַלע אונזערע אַלטע פּאָזיציעס און איינגעמען נייע פּאָזיציעס פאַר דעם נוצען און גליק פון די אַרבייטער און דעם פּרעסטיזש פון דער יוניאָן.

פאַר'ן דזשאָינט קאָונסיל פון מאָנטרעאַל
א. איטמאַן.

פון מרס. זיגמאַן

האָב זיך גאָר וואָס דערוואוסט פון אייער ערוועהלונג אלס פּרעזידענט פון דער אינטער־נעשאַנאַל — דעם אַמט פאַר וועלכען איהר זייט אַזוי פּאַסיג. איך בעט אייך, נעמט אָן מיין האַרציגסטע באַגריסונג.

טילי זיגמאַן.

פון ברענטש 75 אַרבייטער רינג

דייוויד דובינסקי, פּרעזידענט
אינטערנעשאַנאַל ל. ג. וו. יוניאָן.

זייט געגריסט. עס איז אַ כבוד פאַר בר. 75 אַרבייטער רינג פון וועלכען איהר זייט אַ מיטגליד וואָס איהר זייט ערוועהלט געוואָרען אלס פּרעזידענט און פיהרער פון דער אינטער־נעשאַנאַל. אין נאָמען פון ברענטש ווינשען מיר אייך ערפאָלג אין אַלע אייערע אונטער־נעמונגען צו פיהרען די אַרבייטער צום ציל, צו וועלכען מיר אַלע שטרעבען. לאַנג לעבען זאָל די אינטערנעשאַנאַל!

דווינסקער בונד, א. ר. בר. 75,
א. נערשאַן, סעק.

א באַגריסונג צו פּרעזידענט ד. דובינסקי פון אידישען סאָצ. פאַרבאַנד„ און זיין ענטפער

דער 28סטער יוני, 1932.

בר. ד. דובינסקי,
א. ל. ג. וו. י., 3 וועסט 16טע סט.

ליבער גענאָסע דובינסקי:

אַביסעל אַ פאַרשפּעטיגטע באַגריסונג, אָבער דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד באַ־גריסט אייך מיט דער ערוועהלונג צום העכ־

צווי קאנטרי־שטעטלאך. די סטרייקס זיינען ערקלערט געווארען געגען צווי שיקאגא׳ר פירמעס, וועלכע האבען געוואלט אויסנוצען די שלעכטע צייט און צווינגען דער יוניאן אנצונעמען קאנדיציאנען, וואס וואלט געמיינט געוואלדיגע רעדוקשאנס אין וויידזשעס. די יוניאן האט ערקלערט די באלעבאטים, אז דער אגרימענט איז אין קראפט און מיר קענען ניט מאכען קיין ענדערונגען.

דעם ערשטען צוזאמענשטויס האבען מיר געהאט מיט דער מעריאן גארמענט קא., וועלכע האט ארויסגעמופט אין קענאשא, וויסקאנסין. די צווייטע פירמע איז קירשבוים, העלבראך און שיינקער, וועלכע האט געוואלט אפנארען דער יוניאן, אז זיי האבען געבאך ניט קיין ארבייט, און אין דער זעלבער צייט האבען זיי געמאכט פארבינדונגען מיט א סקעב־שאפ אין אראָרא, אילינאיז. מיר האבען דאס גלייך אויסגעפונען, און סטרייקס זיינען ערקלערט געווארען געגען ביידע פירמעס.

סטרייקס זיינען אויך ערקלערט געווארען סיי אין קענאשא און סיי אין אראָרא, און זיי ווערען אנגעפיהרט מיט ענטשלאסענהייט און קאמפס־לוסט. די שעפער ווערען געפיקעט סיי פון די שיקאגא׳ר ארבייטער און סיי פון יוניאן־לייט פון יענע שטעדטלאך.

אין קינאשא איז אונז געלונגען צו באוויזען אין קאורט, אז די מעריאן גארמענט קא. נוצט נאר אויס דעם שעהנעם נאמען פון דער קינאשא קאמיוניטי זיך צו באהאלטען און באטרייבען א סקעב־שאפ מיט שיקאגא׳ר סקעבס. דער דזשאדזש האט געראטען דער פירמע צו פארלאזען די שטאדט. איצט געהען די באלעבאטים ארום ווי טויטע און זוכען עפעס אן אנדער שטעדטעל פאר זייער סקעבעריי.

ביידע סטרייקס זיינען אין א גלענצענדען צושטאנד. מיר קריגען די מאראלע הילף פון די טריידס און לייבאר קאונסילס פון קינאשא און אראָרא, און נאר א שעהנעם דאנק קומט אויך דער שיקאגא׳ר פעדערײשאן אוו לייבאר און אויך דער פעדעראציע פון די אידישע יוניאנס אין שיקאגא, וועלכע העלפען אונז אין דעם קאמף.

ביי מיר איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז די יוניאן וועט געווינען, ווייל מיר וועלען אנפיהרען דעם קאמף אזוי לאנג ביז וואנען די באלעבאטים וועלען איינזעהן, אז אויב זיי וועלען ניט סעטלען וועלען זיי מוזען קומען מיט שטעקענס צוריק אין שיקאגא, ווייל זיי וועלען ניט האבען אויף קיין ריילראוד פעיר!

קליוולאנד פאר א שטורעם

פון א. קאטאוזסקי, (מענעדזשער קליוולאנד דזשאינט באארד)

אונזער איצטיגע לאגע קען אמבעסטען באצייכענט ווערען מיט את דער פראזע: מיר שטעהען פאר א שטורעם.

ווען מיר האבען פארהאנדעלט וועגען דעם איצטיגען אגרימענט, האבען אונז די באלעבאטים געלאזט וויסען, אז אויב מיר גיבען זיי ניט קיין קאנצעסיעס וועלען זיי קיין נייעם אגרימענט ניט אונטערשרייבען. איינינע האבען געסטראשעט אז זיי וועלען פארמאכען די פאבריקען. 3 חדשים האבען מיר זיך געראנגעלט און מאנעווריעט צו קענען סטעלען פרידלעך און אויסמיידען א סטרייק. ענדליך איז אונז געלונגען אונטערצושרייבען אן אגרימענט מיט אלע קלאוק באלעבאטים מיט וועלכע מיר האבען פריהער געהאט אגרימענטס. עס איז אונז אבער דערמאלט ניט געלונגען אונטערצושרייבען אן אגרימענט מיט די דרעס מאנופעקטשורערס.

צו יענער צייט האט עס אויסגעזעהן, אז די דרעס אינדוסטריע איז שווערער געטראפען געווארען פון קריזיס אפילו ווי דער קלאוק טרייד. מיר האבען דעריבער באשלאסען צו ווארטען פאר א גינסטיגערע געלעגענהייט צו קענען צווינגען די דרעס מאנופעקטשורערס אונטערשרייבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן. אבער וואס לענגער מיר האבען געווארט אלץ ערגער איז געווארען די לאגע, און ביז איצט איז ניט געווען קיין איין דרעס שאפ וואס זאל האבען געארבייט 4 וואכען נאכאנאנד. נאטירליך האט די יוניאן, אונטער די אומשטענדען זיך צוריקגעהאלטען פון רופען סטרייקס. אזוי ווארטען מיר נאך אלץ פאר א געלעגענהייט צו קענען אוועקשטעלען דעם דרעס טרעיד אין קליוולאנד אויף א יוניאן באזיס.

אונזער דזשאינט באארד פלאנעוועט אין דער נאהענטער צוקונפט אנצוהויבען אן אלגעמיינעם ארגאניזאציאנס קאמפעין אין אלע קלאוק און דרעס שעפער וועלכער זאל זיך אנטוויקלען אין א גענעראל סטרייק אין יאנואר. דאס וועט געשעהן אויב אונזערע מאנופעקטשורערס וועלען זיך אנטזאגען אונטערצושרייבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן אויף אנשטענדיגע באדינגונגען. דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג איז שוין געמאכט געווארען.

מיר האבען ערוועהלט באאמטע.

אונזערע לאקאלס האבען לעצטען מאנאט דורכגעפיהרט וואלען פאר באאמטע. די אפעריטארס פון לאקאל 26 און 27 האבען געהאט די בעסט באזוכטע מיטינגען וואס זיי האבען געהאט די לעצטע צייט. דער פרעסערס לאקאל 37 האט אויך געהאט גוט באזוכטע מיטינגען. אין קארטערס לאקאל 42 מערקט זיך א באזונדערע אויפלעבונג. זייער נייער שלאגוואָרט איז: „יעדער קאטער אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע אין קליוולאנד מוז האבען א יוניאן ביכעל אידער דאס יאהר ענדיגט זיך!"

עקאנאמיע אין אפיס.

איבער דער אלגעמיינער לאגע האבען מיר געפונען פאר נויטיג איינצופיהרען די גרעסטע שפארזאמקייט אין אפיס. די דזשאינט באארד האט דעריבער באאויפטראגט דער פינאנס קאמיטע וועלכע באשטעהט פון די ברידער לואיס פריענד, ניימען סאלאמאן, סעם טוירק, מייער בוירדמאן און דזשא. מאדושיסטרא, אריינצוברענגען רעקאמענדאציהעס ווי אזוי צו מאכען דעם אפיס אויסקומען מיט די געלט וואס קומט אריין. די קאמיטע, צוזאמען מיט׳ן שרייבער פון די שורות, האבען פארזיכטיג באטראכט די אלע אויסגאבען, און רעקאמענדירט צו דער דזשאינט באארד אן אנצאל ענדערונגען צו שניידען די אויסגאבען. די וויכטיגסטע ענדערונג אויף דעם געביט איז געווען צו האבען בלויז איין מענשען אין אפיס וועלכער זאל טאן די גאנצע ארבייט. די קאמיטע האט באגריפען אז פאר איין מענשען וועט זיין זייער שווער צו טאן די גאנצע ארבייט פאר דער יוניאן. זי האט אבער געפיהלט אז דער מענש וואס וועט אנגעהמען דעם אמט, וועט מוזען ברענגען דעם קרבן כדי מעגליך צו מאכען פאר דער ארגאניזאציע אנצוגעהן מיט דער ארבייט. די מעמבערשיפ האט אנגענומען די רעקאמענדאציע פון דער פינאנץ קאמיטע און האט געלאזט וויסען די מיטגלידער אז ווער עס וויל זיין א קאנדידאט פאר׳ן אמט זאל ארייגעבען זיין אפליקאציע ניט שפעטער ווי דעם 1טען יולי.

די ערוועהלונג פון א דזשאינט באארד מענעדזשער.

נאכדעם ווי עס זיינען דורכגעפיהרט געווארען די וואהלען פאר לאקאלע באאמטע און דעלעגאטען צו דער דזשאינט באארד איז די נייע דזשאינט באארד איינסטאלירט געווארען דעם 16טען יולי. צו דעם מיטינג זיינען געלאדען געווארען אלע עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער און פארטרעטער פון די שעפער. די אנוועזענדע האבען ארויסגעוויזען א זעלטען שעהנע שטימונג. דער טשערמאן, ברודער פריינד, האט ערקלערט אז קיין אנדערע זאכען וועטלען ביי דעם מיטינג ניט פארהאנדעלט ווערען, אויסער די ערוועהלונג פון דזשאינט באארד באאמטע און באדאנקט די מיטגלידער פון דער דזשאינט באארד פאר דעם צוטרויען און הילף וואס זיי האבען איהם געגעבען דורך דער צייט וואס ער איז געווען אין אמט או זוואס עס האט

באסטאנער ארבייטער ווערען ווידער טעטיג

פון וויס־פרעזידענט פ י ל י פ קרוימער

פון עטליכע וואכען אידער איך בין טעטיג געווארען אלס מענעדזשער פון דער באסטאנער דזשאינט באארד, דעם 28סטען יוני, און ביז איצט ווען די שורות ווערען געשריבען האט זיך קיין אין רעגעל נישט געענדערט אין די מיגע קלאוק און דרעס שעפער, נישט אין די יוניאן־שע־פער און נישט אין די נאן־יוניאן שעפער, און קיינער קען ניט פאראויסזאגען ווי לאנג עס וועט דער סלעק וועט אנהאלטען. איהר קענט זיך שוין פארשטעלען וואס פאר א צרות אונזערע ארבייטער מאכען דורך. עס איז נאר א וואונדער ווי אזוי זיי האלטען זיך אויף ביים לעבען.

אודאי איז א פעריאדע פון סלעק ניט קיין נייעס פאר די קליידער־ארבייטער אין א סעזאן־טרייד וואו מען איז קיינמאל ניט איבערציכער. הייינטיגס יאהר איז אבער די לאגע פון אונזערע קלאוק און דרעס מאכער א סך שווערער. איבער דעם ביטערען קאמף וואס מיר האבען דורכגעמאכט לעצטען ווינטער און פריה־ליגג און דעם העלדישען גענעראל סטרייק וואס אונזערע מיטגלידער האבען דורכגע־פיהרט צו באשיצען זייער יוניאן; איבער די 5 וואכען וואס זיי האבען פארלארען אין דעם קאמף מיט די באלעבאטים, האָ־בען אונזערע מעמבערס זעהר ווייניג גע־ארבייט דורך די לעצטע צוויי סעזאנען און דאס האט ניט נאר פארערגערט די מיט־גלידער נאר אויך די יוניאן, די דזשאינט באארד און לאקאלס זיינען פינאנציעל זעהר אפגעשוואכט געווארען. מיר האבען פראקטיצירט יעדע מעגליכע שפּארזאמקייט אין דער פארוואלטונג. עס איז אבער קוים גענוג צו זאגען אז טראץ אונזערע עקא־נאמיעס זיינען מיר אין גאנץ נעדריקטע אומשטענדען.

מיר גרייטען זיך צוריקצושטויסען אטאקעס

מיר ארבייטען איצטער אויס פלענער צו ווערען ווידער טעטיג צום אנקומענדען „פאל סעזאן". מיר רופען פארזאמלונגען צו באקענען די מיטגלידער מיט דעם וואס עס קומט פאר אין דער אינדוסטרי.

א היבשע צאהל מאנופעקטשורערס, צווישען זיי מאנכע גאר גרויסע, זיינען אין די לעצטע עטליכע מאנאטען ארויס פון ביזנעס. דאס, ווי איהר קענט זיך אנשטויסען, האט פאר פילע פון אונזערע ארבייטער געבראכט נייע שוועריגקייטען. א היבשע צאהל פון זיי וועלען דארפען זוכען נייע דזשאבס ווען מען וועט אנ־הויבען ארבייטען אין די שעפער, וועלכעס איז ניט קיין איבעריגס אנגענעמע אויפ־גאבע.

אונזער ערשטער מיטינג איז גערופען געווארען פאר דעם 21סטען יולי ווען די מיטגלידער פון קלאוקמאכער לאקאל 56 וועלען זיך צוזאמענקומען און דיסקוטירען ווי אזוי צוריקשלאגען דעם אנגריף פון די באלעבאטים. עס ווערט פאר אונז אלץ קלערער אז די קלאוק־באסעס וועלען מא־כען א פרווו צו דעמאראליזירען די אר־ביטס־באדינגונגען אין די שעפער אזוי פיל ווי זיי וועלען קענען. מיר האפען, אז די פארזאמלונגען וועלכע מיר רופען איצטער וועלען אריינגעבען נייעם מוט אין אונזערע ארבייטער צום צוריקוייזען אלע פארזוכען פון די באסעס צו מאכען גע־היימע „דילס" מיט די ארבייטער ארגאנ־יזאציע פון די באדינגונגען צו וועלכע זיי זיינען בארעכטיגט אונטער'ן אגרימענט.

איך האב לעצטענס באזוכט וואוסטער, מאסאטשוזעטס, וואו מיר האבען א לאקאל נומער 75. עס איז מיר געלונגען אויס־צוגלייכען דארט סכסוכים מיט 3 פירמעס וואו אונזערע מעמבערס ארבייטען צו זייער צופרידענהייט.

וואס הערט זיך אין שיקאגא?

פון מארים ביאלים, וויס־פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

די לאגע אין שיקאגא'ר קלאוק־טרייד איז זעהר א געדריקטע. עס קען געזאגט ווערען איין ווארט וועגען דעם: עס איז נימא קיין ארבייט, און דאס אלעס! צו דעם האבען זיך נאך לעצטענס צוגעמאכט א פאר שעפער, און דאס האט זיכער די לאגע ניט בעסער געמאכט.

ווידער איז דער געשריי פון אונזערע באלעבאטים, אז די קאנקורענץ פון אנ־דערע מארקעטס איז אזוי גרויס, אז זיי קענען ניט שטעהן אין די געשעפטען. איך וויל זיך דא ניט אריינלאזען אין דעם, וויפיל אמת עס איז דא אין דעם, וואס זיי זאגען. ווען מיר קוקען זיך צו צו די גארמענטס, וועלכע ווערען אריינגעבראכט פארטיגע פון די איסטערן און וועסטערן מארקעטס, און ווען מען נעמט אין אנ־באטראכט די ארביים און די פאר טרי־מינגס וואס ליגט אין די גארמענטס, און פאר וועלכען פרייז יענע מארקעטס פאר־קויפען זיי, — קומט אנדערש ניט אויס ווי נאר, אז די ארבייטער וואס ארבייטען אויף יענע גארמענטס מוזען אדער אר־בייטען אונטער די ערגסטע סוועט־שאפ־באדינגונגען, אדער זיי האבען עפעס א כשוף אין די פינגער. אונזערע קלאוק־מאכער, וועלכע זיינען אויך זעהר פעהיגע ארבייטער, קענען בשום אופן זיך ניט אונ־טערנעמען צו מאכען אזעלכע קלאוקס, אז אונזערע באלעבאטים זאלען דאס קענען פארקויפען פאר דעם זעלבען פרייז ווי מען קויפט דאס אין אנדערע מארקעטס, ווייל עס וואלט אונזער קלאוקמאכער אויסגע־קומען צו ארבייטען פאר וואכערע 3—4 דאלאר א טאג. אונזערע קלאוקמאכער פיהרען אן א ביטערען קאמף ניט ארונ־טערצוקומען צו אזא נידעריגער שטופע.

איצט איז נאך צוגעקומען א מעשה מיט א גאווערנמענט פאר־טעקס! די רע־גירונג האט ארויסגעלעגט א 10־פראצענ־טיגען טעקס אויף יעדען קאוט, וואס איז געטרימט מיט פאר, דאס הייסט אויף קאוטס וואס די פאר קאסט מעהר ווי די ווארע. אזוי ווי ווארע איז איצט ביליג, מיינט דאס איינפאך, אז יעדער פאר גע־טרימטער קאוט איז געטעקסט. פארשטא־נען האט מען, אז דער קלאוק־מאנופעק־טשורער וועט דעם טעקס רעכענען צום ריטיילער (סטאר קיפער) און דער ריטיי־לער וועט דעם טעקס קריגען אומגעקערט פון דער קויפערין — פונקט ווי געזאלין, למשל, וואס דער קויפער באצאהלט דעם טעקס. אין אונזער אינדוסטריע איז דאס אבער אנדערש, און סקאנדאליעז אנדערש. די רעגירונג האט ארויסגעלעגט א טעקס אויף די נעברויכער פון קלאוקס, און די באלעבאטים אונזערע ווענדען אן אלע קרעפטען דעם טעקס ארויסצונעמען פון דעם ארבייטער.

די ערשטע צו אדווערטייזען, אז זיי פארקויפען זייערע קאוטס פאר דעם און דעם פרייז, מיט'ן פאר־טעקס שוין אריינ־גערעכענט, זיינען געווען די ניו יארקער מאנופעקטשורערס. אויף זיי קוקענדיג האבען אונזערע באלעבאטים אויך גענומען נאכמאכען, און אזוי ווי פון די אייגענע קעשענעס וועלען דאך די באלעבאטים דעם דאזיגען טעקס ניט צאהלען, טרייט מען דאס ארויסצאפען פון די פרייזען פון די ארבייטער.

דאס איז א סקאנדאל, וואס טאר ניט פארשוויגען ווערען. עס איז אמת, אז דער טעקס האט קיין גוטעס ניט געטאן דער אינדוסטריע, אבער די ארבייטער טא־רען ניט דערלאזען, אז דער טעקס זאל געדעקט ווערען מיט זייער פראצע!

*
* *

מיר פיהרען דא אן צוויי סטרייקס אין

נייעס פון טאָראָנטאָ

פון ס. קרייסמאַן, מענעדזשער

ווען דער לעצטער ספרינג־סעזאָן האָט
זיך געענדיגט, האָט זיך די יוניאָן אין
טאָראָנטאָ געפונען אין א זעהר שווערע
לאַגע. דער פאַרגאַנגענער סעזאָן איז גע־
ווען זעהר א שוואַכער. די מעהרסטע מיט־
גלידער אונזערע האָבען קוים געהאַט עט־
ליכע וואָכען ארבייט און א היבשע ביסעל
זיינען אין גאַנצען געווען ארבייטסלאָז.

די לאַנגע סלעק־פעריאָדע האָט אונ־
זערע צרות נאָך פאַרגרעסערט, ווי יעדער
קען עס פאַרשטעהן. א סך באַלעבאַטים
האָבען זיך באַנוצט מיט דער אָפּגעשוואַב־
טער פּאָזיציע פון די ארבייטער אין זייע־
רע שעפּער און האָבען אָנגעהויבען רעאָר־
גאַניזירען די שעפּער, ארויסוואַרפען און
פאַרפאָלגען ארבייטער. אלס צוגאָב האָבען
אַן אנצאָהל באַלעבאַטים אָנגעהויבען אין
גאַנצען צושליסען שעפּער אין א פאַרזוך
אריינצונעמען אינסייד קאָנטראַקטאָרס
אָדער ארויסשיקען די ארבייט צו אויטסייד
קאָנטראַקטאָרס אום אויף דעם אופן פּטור
צו ווערען פון דער יוניאָנ׳ס קאָנטראָל און
יוניאָן באַדינגונגען.

מיר האָבען באַגעגענט אָט די שווערע
לאַגע אויפ׳ן בעסטען אופן וואָס מיר האָ־
בען געקענט און אין איין פאַל — אין
דעם פאַל פון דער „סניידער גאַרמענט
קאָמפּאַני" זיינען מיר געצוואונגען געוואָ־
רען צו רופען א סטרייק. דער סטרייק
וואָלט געסעטעלט געוואָרען נאָך מיט וואָ־
כען צוריק ווען נים איבער דער סקעבעריי
פון איינעם פון אונזערע „פריינד" עס זיי־
נען אָבער דאָ אַלע סמנים אז דער סטרייק
וועט געענדיגט ווערען אין עטליכע טעג
ארום. עס וועט זיך אָבער נאָך פאָדערען
פיל מיה צוריק איינשטעלען א פעסטען
יוניאָן־קאָנטראָל אין דעם שאָפּ.

מיר סעטלען פרייזען

מיר מאַכען איצט דורך די שווערע
ציים פון סעטלען פרייזען (אין די טאָראָנ־
טאָער קלאָוק שעפּער ארבייט מען נאָך
שטיק־ארבייט) און אין יעדען שאָפּ איז
עס א היבשע מלחמה.

מיטינגען ווערען געהאַלטען מיט שאָפּ־
טשערליים, פרייז־קאָמיטעס און גאַנצע שע־
פער זיי ראַטענדיג און לערנענדיג ווי אזוי
ארויסצוקריגען די בעסטע פרייזען פאַר
דער ארבייט אונטער די איצטיגע אומ־
שטענדען. ביז איצטער זיינען די פרייז־
קאָמיטעס פון כמעט יעדען שאָפּ געווען
אין כסדר׳דיגער באַריהרונג מיט דער יונ־
יאָן, און עס איז אונז געלונגען צו קריגען
נישקשה׳דיגע פרייזען אונטער די איצטי־
גע באַדינגונגען.

בלויז איינציגע שעפּער האָבען ביז
איצט אָנגעהויבען ארבייטען אויף „פאַל־
ארבייט". די מעהרסטע שעפּער דאַרפען
נאָך דורכגעהן די פּראָצעדורע פון סעט־
לען פרייזען. אָבער מיר ערוואַרטען אז
אומגעפעהר אין א וואָך ארום וועלען שוין
כמעט אַלע שעפּער ארבייטען. דעמאָלס
וועלען מיר קענען אונטערציהען א סך־
הכל און זעהן וואָס עס קען געטאָן ווערען
צו פאַרשטאַרקען די יוניאָן.

איינינקייט אין אונזערע רייהען

אין ליכטיגער פונקט איז פאַראַן אין
דעם לעבען פון אונזער היגער אָרגאַניזאַציע
וועלכע איז ווערט צו דערמאָנען און וועל־
כעס מאַכט מעגליך פאַר אונז אָנצוגעהן
מיט דער ארבייט און זיך ספּראַווען מיט
די שווערע אויפגאַבען מיט וועלכע מיר
מוזען זיך באַגעגענען. דאָס איז דאָס
אויסגעצייכענטע צוזאַמען ארבייטען פון
אונזערע לאָקאַל עקזעקוטיוועס מיט דער
דזשאָינט באָארד און די באַאַמטע.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אַפּע־
לירען צו אונזערע מיטגלידער אָנצוהאַלטען
זייער טעטיגקייט אין דער יוניאָן און טאָן
וואָס נאָר מעגליך אז מיר זאָלען קענען
ביייקומען די שוועריגקייטען וואָס שטעהען
אונז פאָר. איך וויל אויך די מעמבערס
זאָלען וויסען, אז זיי מוזען פאַרבעסערען
די באַדויערנסווערטע פינאַנציעלע לאַגע
פון אונזער יוניאָן, ווייל סידען עס וועט
עטוואָס באַלד געטאָן ווערען צו פאַרגרינ־
גערען די שווערע פינאַנציעלע לאַסט, וועל־
כע דערשטיקט אונזער אָרגאַניזאַציע, איז
פאַראַן א געפאַהר אז די יוניאָן זאָל נים
זיין בכח זיך צו האַלטען און באַשיצען די
מיטגלידער אין די שעפּער.

די ארבייטסלאָזע מוזען באַזעצט ווערען אויף פּלעצער

אונזערע מעמבערס מוזען אויך איינ־
זעהן אז זיי מוזען האָבען אין זינען די
ארבייטסלאָזע און טאָן אַלץ וואָס זיי קענען
צו העלפען זיי באַזעצען אויף פּלעצער
אפילו ווען מען זאָל זיך דאַרפען טיילען
מיט דער ארבייט. מיר מוזען פאַרשטעהן
אז מיר קענען נים האָפען צו קריגען אָנ־
שטענדיגע פרייזען און אויפהאַלטען באַ־
דינגונגען אין די שעפּער אזוי לאַנג ווי
מענשען געהען אום לעדיג און שלאָגען אָן
די שוועלען פון די פעקטאָרים גרייט צו
ארבייטען פאַר יעדען פרייז. עס איז דער־
ריבער אין די אינטערעסען פון די וואָס
ארבייטען צו קריגען דזשאָבס פאַר די אַר־
ביימסלאָזע אזוי שנעל ווי מעגליך.

ערב דעם קלאָוק סעזאָן אין מאָנטרעאָל

פון וויים־פּרעזידענט י. פיינבערג

אין אונזער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטי־
שער אָרדנונג, ווען דער עקאָנאָמישער בנין
הויבט אָן קראַכען איז עס נים באַגרענעצט
אויף איין באַשטימטען פונקט, נאָר עס
פּלאַצט אין אַלע נעט. עס גרייפט אָן
יעדען פּלאַץ און יעדען לאַנד.

דער עקאָנאָמישער קריזיס וואָס האָט
ארומגעכאַפּט יעדען לאַנד אין דער וועלט
האָט דעריבער אויך נישט דורכגעלאָזען
קענעדע. די ארבייטער אין מאָנטרעאָל
האָבען דורך דעם קריזיס דעריבער פונקט
אזוי שווער געליטען ווי די ארבייטער אין
די פאַראייניגטע שטאַאַטען. טראָץ דעם
אָבער ראַנגלען מיר זיך דאָ און טוען דאָס
בעסטע וואָס מיר קענען אויפצוהאַלטען
אונזער אָרגאַניזאַציע און באַשיצען די
ארבייטער אין די שעפּער פון דער רואַי־
נירענדער ווירקונג פון קריזיס.

אונזערע קלאָוקמאַכער דאָ אין שטאָדט
הויבען אָן איינצוזעהן לאַנגזאַם אָבער זי־
כער, אז אויפצוהאַלטען פרייהיים מוז מען
זיין שטענדיג אויף דער וואַך. אין אזוינע
שלעכטע צייטען ווי די איצטיגע איז עס
באַזונדערס וויכטיג פאַר די ארבייטער צו
האַלטען זיך צוזאַמען.

וואָס אַנבאַלאַנגט די אינדוסטריעלע
לאַגע האָט זיך נאָך אונזער סעזאָן נים אָנ־
געפאַנגען. מיר האַלטען איצט אין סעט־
לען פרייזען און מאַכען יעדע אָנשטרענ־
גונג צו פאַרהיטען אז די פרייזען זאָלען
נים געשניטען ווערען. מיר האָבען צוזאַ־
מענגעשטעלט אַן אָרגאַניזיישאַן קאָמיטע
פון אַקטיווע מיטגלידער פון אַלע לאָקאַלס,
און די קאָמיטע טוט אַלץ וואָס זי קען צום
ערמוטיגען די ארבייטער אז זיי זאָלען
באַשטעהן אויף זייער רעכט און זוכען צו
פאַרשטאַרקען זייער מאָראַל.

אונזער פינאַנציעלע לאַגע איז נים קיין
איבעריגס גוטע איבער די שלעכטע צייטען
וואָס מיר מאַכען דורך. מיר ערוואַרטען
אָבער אז אזוי ניך ווי זיי וועלען אָנהויבען
ארבייטען וועלען אונזערע מעמבערס זעהן
אָפּצוצאָהלען זייער דיוס און אַסעסמענטס
אום די יוניאָן זאָל קענען פונקציאָנירען
און ערפילען איהרע פאַרפליכטונגען צו די
ארבייטער.

צו לעצט וויל איך אויסדריקען מיין
דאַנק צו די פריהערדיגע מיטגלידער פון
דער עקזעקוטיוו פון לאָקאַל 43 פאַר זייער
געטרייער און איבערגעבענער ארבייט וואָס
זיי האָבען געטאָן פאַר דער יוניאָן. מיר
האָפען אַלע אז זיי וועלען פאָרטזעצען
זייער טעטיגקייט אין דער צוקונפט און
וועלען מיט אַלע מעגליכקייטען העלפען
זייערע נאָכפאָלגער פאַר דעם אַלגעמיינעם
וואוילזיין פון די מאָנטרעאָלער קלאָוקמאַ־
כער.

מעגליך געמאכט פאר איהם אנצוגעהן מיט דער ארבייט. ער האט דאן איבערגעגעבען די משער צום שרייבער פון די שורות.

דער שרייבער פון די שורות האט דער־קלערט, אז ער האט געמאכט יעדע אנ־שטרענגונג צו מאכען די אינסטאלישאן אזוי שעהן און איינדרוקספול ווי מעגליך. ער האט געבעטען פרעזידענט דובינסקי צו קומען נאך קליוולאנד אינסטאלירען די דזשאינט באארד, אבער איבער דער איצ־טיגער סיטואציע אין ניו יארק האט פרעז. דובינסקי ניט געקענט קומען און האט גע־שיקט פאלגענדע באגריסונגס טעלעגראמע:

„איך גריס אייך אין מיין אייגענעם נא־מען און אין נאמען פון דער גענעראל־עק־זעקוטיוו באארד. די איצטיגע לאגע אין דער ניו יארקער קלאוק אינדוסטריע ערב א גע־נעראל סטרייק מאכט פאר מיר אוממעגליך צו קומען צו אייער אינסטאלישאן. איך בין זיכער, אז איהר ווייסט וואס פאר א שווערע אויפגאבע עס שטעהט פאר דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג, אין איהר אנשטרענגונג אנצוהאלטען די איינגע־שטעלטע סטאנדארדס אין די איצטיגע שווערע צייטען. מיט אנטשלאסענהייט און טריישאפט צו דער באוועגונג וועלען מיר קע־נען צוריקשטויסען די אנגריפען אויף די ארגאניזירטע ארבייטער, און בלויז דורך איבערגעבענהייט צו די פרינציפען און פאר־ליסיס פון אונזער אינטערנעשאנאל וועט איהר קענען ביקומען די שוועריגקייטען און מארשירען פארווערטס אין קאמף פאר בעסערע באדינגונגען פאר אייערע מיטגלי־דער."

די באגריסונג איז אויפגענומען געווא־רען מיט שטארקע אפלאדיסמענטען.

נאך א רעדע וואס עס האט געהאלטען ברודער מעקס העיס, אן אלטער פריינד פון אונזער ארגאניזאציע און א גוט באוואוס־טער פיהרער אין דער קליוולאנדער סאציא־ליסטישער און טרייד יוניאן באוועגונג, האט דער טשערמאן איינגעלאדען ברודער דזשאס מאלי, סעקרעטער פון דער קליוו־לאנדער פעדערעישאן אוו לייבאר צום אינ־סטאלירען די דזשו. באארד. אין זיין רעדע האט ער פארזיכערט אז די באשטע פון דער פעדערעישאן זיינען גרייט צו העלפען דער קלאוקמאכער יוניאן צו יעדער צייט ווען זיי וועלען זיך נאר נויטיגען אין דעם.

דער מענעדזשער ווערט ערוועהלט איינשטימיג.

ברודער לואיס פריענד איז ווידער ער־וועהלט געווארען אלס טשערמאן; ברו־דער סעם מוירס, אלס וויס־טשערמאן, און ניימען סאלאמאן אלס רעקארדינג סעקרע־טער. ברודער פרענק מאקאלסקי איז ער־וועהלט געווארען אלס „סארדזשענט עט ארמס".

ברודער פריענד, איבערנעמענדיג דעם טשער האט ערקלערט אז עס זיינען ניט אריינגעקומען קיין אפליקיישאנס פאר מע־נעדזשער פון דער דזשאינט באארד און ער האט אויפגעפאדערט די דעלעגאטען צו נא־מינירען א מענעדזשער. דער שרייבער פון די שורות איז געווען דער איינציגער וואס איז נאמינירט געווארען, און נאך עטליכע קורצע באמערקונגען פון די פיהרער פון די לאקאלען האבען די דעלעגאטען איהם איינשטימיג ערוועהלט צום אמט דורך אויפ־שטעלען זיך.

א קאמיטע, באשטעהענדיג פון פריענד, סאלאמאן, בוירקמאן און מעדזשיסטרא איז ערוועהלט געווארען צו העלפען דעם מענע־דזשער מיט דער רוטינער ארבייט אין אפיס.

דער קאמף אין טאלידא

אונזער יוניאן האט אויך געהאט אנפיהרען א קאמף אין טאלידא.

מיט אומגעפער 3 מאנאטען צוריק האט די „קאנרע קלאוק קאמפאני" פון טאלידא, אהייא, אויסגעשלאסען אלע איהרע ארביי־טער דערפאר וואס זיי זיינען געווען מעמ־בערס פון דער יוניאן. די באסעס האבען געדענקט, אז די ארבייטער וועלען אין א קורצע צייט געצוואונגען ווערען זיך אונ־טערצוגעבען, ווייל דער לאקאוט איז גע־מאכט געווארען סוף ספרינג סעזאן און זיי האבען גערעכענט אז ביז'ן פאל סעזאן וועט לען די ארבייטער אויפגעבען דעם געדאנק פון א יוניאן. אבער זיי האבען זיך אפגע־נארט אין חשבון.

טראץ די ליידען וואס די טאלידא'ער קלאוקמאכער האבען דורכגעלעבט דורך די לאנגע וואכען פון דעם לאקאוט זיינען זיי געבליבען טריי זייער יוניאן. קיין איינער איז ניט צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט.

דער איצטיגער אפענער צוזאמענשטויס איז דער קלימאקס פון אן אלטען קאמף וואס די טאלידא'ער קלאוקמאכער פיהרען אן די לעצטע צעהן יאהר, צוריקצושטע־לען זייער יוניאן, וועלכע איז פארניכטעט געווארען אין דעם סטרייק פון 1921, וועל־כער האט אויך ארויסגעטריבען א צאהל פירמעס פון ביזנעס.

דורך דעם לעצטען ספרינג סעזאן הא־בען אלע אפערייטארס און פיל פרעסערס אין טאלידא זיך אנגעשלאסען אן דער יו־ניאן און ארגאניזירטערהייט אנגעהויבען פאדערען פארבעסערונגען. אין איינציגע פאל־לען זיינען די ארבייטער געצוואונגען גע־ווען צו מאכען סטאפעדזשעס אין איינציגע שעפער. אזוי לאנג ווי עס איז געווען ביזי האבען די באסעס ניט געוואגט זיך צו פארטשעפען מיט די ארבייטער, אבער אזוי שנעל ווי עס איז געווארען סלעק האט די „קאנרע" פירמע אויסגעשלאסען איהרע ארבייטער און דער קאמף האט זיך אנגע־הויבען.

א קאמיטע פון טאלידא איז געקומען נאך קליוולאנד נאך ראט און הילף. איך האב זיי געראטן זיך צו ווענדען גלייך צו פרעזידענט דובינסקי. דעם 29טען יוני האט פרעזידענט דובינסקי מיר געהייסען פאה־רען נאך טאלידא, אונטערזוכען די דערטי־גע לאגע און זעהן אויב עס איז מעגליך צו סעטלען. אפזייענדיג 2 טעג אין שטאדט בין איך געקומען צום שלוס, אז מיר וועל־לען מוזען ערקלערען א סטרייק, אדער צוריקשיקען די ארבייטער באזונדער. איך האב באשלאסען צו רעקאמענדירען א סטרייק.

פרעזידענט דובינסקי האט גוטגעהייסען מיין רעקאמענדאציע. אזוי ווי איך בין גע־ווען צו פארנומען מיט'ן קליוולאנדער אפיס, איז ברודער לואיס פריענד געפאהרען נאך טאלידא צו פראבירען נאך אמאל סעטלען מיט דער קאנרע פירמע. דאס איז איהם ניט געלונגען. ער האט צוזאמענגערופען אן אלגעמיינע פערזאמלונג פאר'ן 20טען יולי. דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט און די רעקאמענדאציע פאר א סטרייק איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. די אר־בייטער פון די אנדערע שעפער זיינען גע־טעקסט געווארען מיט 10 פראצענט פון זייערע פארדינסטען פאר'ן סטרייק.

דער סטרייק איז דערקלערט געווארען אויף מארגען אין דער פריה. אלע מיט־גלידער פון דעם טאלידא'ער לאקאל זיינען געקומען אויף דער פיקעט ליין ארום דעם שאפ. די ארבייטער האבען ארויסגעוויזען א זעלטענעם מוט און אנטשלאסענקייט צו זיגען. אין 3 טעג ארום האט די פירמע אנ־געהויבען פארהאנדלען מיט ברודער פריענד פאר א סעטעלמענט. די פירמע האט פאר־געלייגט געוויסע פונקטען פאר א סעטלע־מענט מיט דעם פארשלאג, אז די איבעריגע פראגען זאלען איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאן. ביידע צדדים האבען זיך גע־איניגט אויף איראן ב. קאהען, א געוועז־זענער ריכטער פון מוניסיפאל קאורט, אלס ארביטרייטאר.

אויף פאלגענדע פונקטען האבען זיך ביידע צדדים געאייניגט: 1) די פירמע דארף צוריק אנשטעלען אלע ארבייטער און צוריקרופען דעם לאקאוט; 2) די פירמע דארף פארהאנדלען מיט די ארבייטער קא־לעקטיוו און אנערקענען דעם שאפ טשער־מאן און דער שאפ קאמיטע וואס די ארביי־טער קלייבען אויס, די פראגע ווענען די 3 פרעסערס וועלכע האבען געארבייט אלס סטרייק ברעכער ווערט איבערגעלאזען צום אומפארטייאישען טשערמאן צום אנט־שיידען.

דעם 27טען יולי האט דזשאדזש קאהען אנטשידען אז אנשטאט אוועקצושיקען די פרעסערס, ווי די יוניאן האט געפאדערט, זאלען זיי פארבלייבען ארבייטען, נאר די יוניאן זאל זיי באשטראפען פאר ארבייטען אלס סטרייק ברעכער. די ארבייטער האבען אנגענומען די אנטשיידונג.

די סטרייקער האבען גוטגעהייסען דעם סעטעלמענט און זיינען צוריקגעגאנגען אר־בייטען אלס יוניאן לייט אונטער יוניאן באדינגונגען. דער לאקאוט און סטרייק בא־צייכענט א נייע עפאכע אין דעם לעבען פון די טאלידא'ער קלאוקמאכער. דער ערפאלג וועט פיל העלפען פארשטארקען זייער יוניאן.

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XIV. No. 8 | **Jersey City, N. J., September, 1932** | **Price 10 Cents**

צוריק צו דער טאג־טעגליכער ארבייט.

צוריק צו דער אל־טער טאג־טעגליכער ארבייט — דאס איז דער קורצער סך הכל פון דעם איצטיגען צושטאנד אין דער קלאוקמאכער יוניאן.

דער ארגאניזאציאנס־סטרייק וואס איז דורכגעפירט געווארען נאכדעם, ווי דער נייער אפמאך איז געשלאסען געווארען מיט די מאנופעקטשורערס, איז געווען פון א סך א גרעסערען פארנעם, ווי מען האט גע־רעכענט. דער באריכט פון ברודער ברעס־לאו, טשערמאן פון דער פינאנס־קאמיטע, דערציילט, אז איבער עלף הונדערט שעפער זיינען אונטערזוכט געווארען און אין מעה־רערע פון זיי האט מען געדארפט פיהרען א גאנץ הארטנעקיגען סטרייק.

די קלאוקמאכער קומט דער קרעדיט, וואס זיי האבען דעם ארגאניזאציאנס־סטרייק דורכגעפירט אין דער בעסטער אר־דנונג און זיי האבען זיך ניט צוגעהערט צו די העצעס פון די קאמוניסטישע יוניאן־ברעכער, וועלכע האבען אנגעשטרענגט אלע זייערע צושטערענדע כחות אהינצוברייג־גען מיספרויען, כאאס און בהודער־קריג אין די רייהען פון די סטרייקער. דערמיט האבען די קלאוקמאכער נאך אמאל באַ־וויזען, אז זיי זיינען גוטע דיסציפלינירטע יוניאן לייט.

פאר די קאמוניסטישע יוניאן־ברעכערס איז דער גוט דורכגעפיהרטער ארגאניזא־ציאנס־סטרייק ווירקליך געווען א גרויסע אנטוישונג. זיי האבען געהאפט, אז ווי־ניגסטענס וועט זיי דער ארגאניזאציאנס סטרייק געבען וועלכע עס איז געלעגענ־הייט אנצוטאן צרות אין דער יוניאן. פריהער האבען זיי געהאפט אויף אן אמת'ן סטרייק און זיי האבען צוגעגרייט אלע זיי־ערע סקעבישע כחות צו פארניכטען די יוניאן. זייער חשבון איז געווען א פלאַ־רער. א סטרייק אין דער איצטיגער צייט, ווען ארבייט איז פאראן אזוי ווייניג אין די שעפער און ווען די פינאנציעלע לאגע פון דער יוניאן איז אזא געדריקטע, האט אלע שאנסען אויף א דורכפאל, בפרט נאך ווען זיי, די קאמוניסטען, וועלען צולייגען זייער טויטע־האנט צו איהם און דאס איבעריגע איז דעמאלט שוין א גאנץ לייכטע זאך — די יוניאן וועט צובראכען ווערען און די קאמוניסטען וועלען טאנצען אויף איהרע חורבות. איז אבער אט די גרויסע קא־מוניסטישע האפנונג אויסגערונען געווארען. עס האט זיך דער יוניאן איינגעגעבען צו שליסען אן אפמאך מיט די מאנופעק־טשורערס וואס די קלאוקמאכער האבען ניט געקענט דערווארטען קיין בעסערען, ווען זיי וואלטען אפילו דורכגעפירט אן ערפאלג־רייכען סטרייק. האבען דאן די אנטוישטע קאמוניסטען אנגעפאנגען האפען, אז אפשר וועט זיך זיי איינגעבען עפעס צו צושטע־רען אין דעם ארגאניזאציאנס־סטרייק, אבער אויך די האפנונג איז צו דער גרויסער אנ־טוישונג און פארביטערונג פון די קאמו־ניסטען ניט ערפילט געווארען. און גאנץ טרעפענד האט פרעזידענט דובינסקי אין קורצען כאראקטעריזירט די לאגע.

„איינציגע פון אייך, — האט דובינסקי געזאגט, — זיינען ניט צופריהען וואס די קלאוקמאכער יוניאן האט ניט צוזאמענגע־בראכען. איהר האט געווארט און גע־האפט אויף דאס, אבער מיר האבען אייך אפגענארט. אנדערע פון אייך זיינען שטארק ברוגז וואס די יוניאן האט אריינ־גענומען אזוי פיל געלט און האט געהאט מיט וואס צו פינאנסירען די ארגאניזאציאנס ארבייט. אבער דוקא דערמיט זיינען מיר צופרידען, פיהלען מיר, די אויפ־ריכטיגע יוניאן לייט, זיך אמת גליקליך. מיר זיינען צופרידען וואס מיר האבען אויסגעמידען א פארצווונגענעם סטרייק, וועלכער וואלט אונז קיין מאל ניט בעגע־בען קיין בעסערען אגרימענט ווי דעם וואס מיר האבען געקראגען אהן א סטרייק. און מיר האבען פארשפארט אונזערע מעמבערס די ליידען און יסורים וואס זיי וואלטען געמוזט אויסשטעהן אין פאל פון א פאר־צווינגענעם סטרייק."

און איצט, ווען דער נייער אפמאך איז אונטערגעשריבען און דער ארגאניזאציאנס־סטרייק איז פארענדיגט, נעמט זיך די קלאוקמאכער יוניאן צוריק צו איהר טאג־טעגליכער רוטינער ארבייט. עס הייסט זעהן, אז די פונקטען פון אפמאך זאלען אפגעהיט ווערען אין די שעפער און אז די ארבייטער זאלען קריגען דאס, וואס די באַ־לעבאטים זייערע האבען פארשפראכען דער יוניאן.

דאס אבהיטען פון אגרימענט

און אויב עס איז געווען נויטיג פאר דער יוניאן א סך אנ־שטרענגונג, א סך געדולד און שטארקע פאראייניגטע כחות צו קריגען דעם נייעם אפמאך און דורכצופירען דעם ארגאניזא־ציאנס סטרייק איז דאס אלץ נאך מעהר נויטיג פאר דער דורכפירונג פון דעם נייעם אפמאך אין לעבען.

און ווען מיר זאגען די יוניאן, מיינען מיר ניט בלויז די באאמטע פון דזשאינט באארד, די באאמטע פון די לאקאלס. אהן דער מיטהילף פון די מיטגלידער קענען די באאמטע גאר נישט אויפטאן. די מיט־גלידער מאכען די יוניאן און די מיטגלי־דער זיינען די יוניאן. דאס איז געווים זעלבסטפארשטענדליך, אבער עס איז דאך ניט איבריג עס צו זאגען ווידער א מאל און ווידער א מאל, ווייל א סך פארגעסען עס, אדער פוילען זיך א טראכט צו טאן.

די מיטגלידער פון דער יוניאן הא־בען א פארשטעלונג, אז ווען מען האט נאר אונטערגעשריבען דעם אגרימענט איז שוין אלץ רעכט און די באדינגונגען אין די שעפער וועלען שוין ווערען בעסער פון זיך אליין. זיי פארגעסען אין גאנצען, אז דער אגרימענט האט נאר דעמאלט אין זיך א קראפט, ווען די ארבייטער אין די שע־פער זיינען אנגעשלאסען צו צווינגען די באלעבאטים איהם דורכצופירען.

אין דעם נייעם אגרימענט זיינען פאר־האן איינציגע נייע גוטע פונקטען פאר די קלאוקמאכער. אבער די ארבייטער אין די שעפער דארפען דאך ניט זיין נאאיוו צו גלויבען, אז ווייל דער אגרימענט איז א נייער וועלען די באסעס מיט מעהר חשק איהם אפהיטען. די באסעס האבען זיך ניט געענדערט דורך דעם, וואס זיי האבען אונטערגעשריבען א נייעם אגרימענט. די זעלבע באסעס, וואס האבען געזוכט וועג־גען און מיטלען ווי אזוי ניט נאכצוקומען דעם אלטען אגרימענט און אפצונארען די יוניאן, וועלען עס זיכער אויך טאן מיט דעם

צום ערשטען יאהרצייט פון מאריס זיגמאן

דעם 10טען יולי איז געווארען א יאהר זינט מאריס זיגמאן איז געשטארבען.

מיט א יאהר צוריק האט דער טויט געמאכט אן אומערווארטעטען באזוך אין דעם באשיידענעם פארם־הויז אין סטעיט איאווא, וואו דער געוועזענער אינטערנעשאנאל פרעזידענט, מאריס זיגמאן, איז געקומען זיך אפרוהען. זיין קערפער איז דעמאלט געבראכט געווארען קיין ניו יארק, וואו עס איז פארגעקומען אן איינדרוקספולע לויה, אין וועלכער עס האט זיך באטייליגט די גאנצע ארבייטער באוועגונג.

און איצט, א יאהר נאך זיין טויט, איז עס מעהר קלאר ווי ווען פריהער, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיגמאן איז מעהר ניט צווישען אונז, לעבט אבער זיין גייסט, באליכטעט אונזער וועג זיין פערזענליכקייט, וועלכע האט זיך צווישען אונז אזוי שארף איינגעקריצט.

זיגמאן איז ניט נאר געווען דער בויער און גרינדער פון אונזער יוניאן, נאר ער האט אין זיך פארקערפערט די סאמע נשמה פון אונזער יוניאן. ער האט אין זיך פערזאנאפיצירט צוויי ווערטפולע שטריכען: ער איז געווען א פראסטער סאלדאט, און צו דערזעלבער צייט א פירער, א גענעראל, וועלכער שטעהט אין דער פייער ליניע פון זיין ארמיי.

ער איז פאר די אלע טויזענטער ארבייטער געווען אן אמת'ער פריינד און לערער. ער איז געווען א פירער, וועלכער האט זיך תמיד מקריב געווען פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער.

דער שעהנסטער שטריך אין זיגמאן'ס כאראקטער אלס פיהרער איז געווען זיין באציהונג צו דער ברייטער מיטגלידערשאפט. ער איז שטענדיג געשטאנען אין נאהענטען קאנטאקט מיט די ברייטע ארבייטער־מאסען; ער האט געליטען און זיך געפרעהט מיט זיי צוזאמען.

און מען טאר ניט פארגעסען, אז זיגמאן איז געווען א מאן מיט פעסטע איבערצייגונגען, וועלכער האט געהאט א באשטימטע מיינונג וועגען יעדען ענין. ער האט געהאט פעלזען שטארקע מיינונגען, און ער האט געהאט דעם קוראזש פאר זיי צו קעמפען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט געמוזט צוליב דעם קומען אין צוזאמענשטויס מיט די מיינונגען פון אנדערע.

מאריס זיגמאן איז געווען א רעאליסט, א מענש א פראקטישער אין זיין טאג־טעגליכער ארבייט.

ער איז געשטאנען מיט בײדע פיס אויף דער פעסטער ערד. דאס האט איהם אבער נישט געשטערט צו זיין אן אידעאליסט און טרוימער, אז יעדער מאן און יעדע פרוי, יעדער מענש, וואס שטעהט ארום אונזער באוועגונג און איז פארבונדען מיט איהר, זאל דינען געטריי און איבערגעבען.

ער האט אימער געקוקט דעם אמת אין פנים אריין. ער איז געווען א פראקטיש ניכטערע פערזענליכקייט.

אויסער זיין טעטיגקייט אויף דעם טרייד יוניאן געביט, האט ער זיין גאנצען לעבענלאנג געשטרעבט צו פארבעסערען דאס לעבען פון די ארבייטער אין אלגעמיין. ער האט געוואלט אז די ארבייטער זאלען לעבען אין א גערעכטערער וועלט, אין א וועלט אהן עקספלואטאציע, אומרעכט און שמוץ.

זיגמאן האט געגלויבט אין דעם ארבייטער; ער האט געהאט צו איהם גרויס צוטרוי. ער האט באטראכט דעם ארבייטער אלס דעם יעניגען, צו וועמען די צוקונפט געהערט.

צוליב דער סטרייק סיטואציע און די אומגעהייערע ארבייט וואס איז מיט דעם פארבונדען, איז אונז לײדער ניט מעגליך געווען צו ארגאנזירען א מעמאריעל מיטינג פאר אונזער פארשטארבענעם פרעזידענט זיגמאן. מיר פאדערן דאך אויף אלע אונזערע מיטגלידער, אין נאמען פון דער דזשענעראל עקז. באארד, אפצוגעבען עהרע זיין אנדענקונג, דורך ווידמען אונזערע לעבענס פאר דעם עהרליכען אידעאל, פאר וועלכען זיגמאן האט זיך געקאמפט זיין גאנצען לעבען. לאמיר פייערליך שווערען, אז מיר וועלען קיינמאל ניט פארשוועכען די פאהן פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע זיגמאן האט געטראגען מיט אזוי פיל שטאלץ און ווירדע, און לאמיר פארזעצען דעם קאמף פאר אונזערע מיטגלידער און פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג, וועלכע אונזער אומפארגעסליכער מאריס זיגמאן האט אנגעפאנגען.

פרעזידענט דוד דובינסקי, און
דזש. עקז. באארד א. ל. ג. וו. י.

טרויער רעזאלוציעס פון אויסלאנד אויף דעם טויט פון פרעזידענט ב. שלעזינגער

פראפעסיאנעלע פאראיינען פון באקליידונגס ארבייטער, ווארשע, פוילען.

געעהרטע חברים!

די באקלייד־ארבייטער אין פוילען פיהלען זיך שווער געטראפען מיט'ן טויט פון בר ב. שלעזינגער. נישט נאר, ווי ארבייטער ארגאניזירטע אין א ברודער־ארגאניזאציע פיהלען זיי מיט די לײדען און פריידען אייערע. די באקלייד־ארבייטער אין ווארשע האבען געהאט די מעגליכקייט און כבוד פערזענליך זיך צו טרעפען מיט חבר שלעזינגער, דערקענענדיג זיין פראקטישען חוש און גרויסע ארגאניזאציאנעלע פעאיגקייטען מיט וועלכע ער האט זיך אזוי אויסגעצייכענט אין זיין טאג־טעגליכער טעטיגקייט, וועלכע האבען מיטגעהאלפען אויפצובויען און פארפעסטיגען אייער ארגאניזאציע.

אפגעבענדיג כבוד דעם אנדענק פון באליבטען אזוי יונג פארשטארבענעם פיהרער אייערן, האט דער צוזאמענפאהר גלייכצייטיג אויסגעדריקט זיין איבערציינונג, אז אין נאמען פון חבר ב. שלעזינגער וועט אייער פארבאנד געפינען אין זיך די נויטיגע ענערגיע און כח, כדי נאך מעהר צו פארשטארקען די רייהען, צו קאנסאלידירען און פארפעסטיגען די ארגאניזאציע און צוזאמען מיט'ן גאנצען ארבייטער־קלאס אין אמעריקא אויפנעמען אן ענערגישען קאמף מיט די אלע פאלגען פון קאפיטאליסטישען קריזיס, פון וועלכען עס לײדט היינט אזוי שווער די אמעריקאנער ארבייטערשאפט.

פאר די אמעריקאנער ארבייטער און פאר אייער פארבאנד, ווי איינע פון די ארגאניזירטע טיילען זיינע שטעהט איצט די אחריותפולע און שווערע אויפגאבע, צוזאמען מיט'ן אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט, צו פיהרען דעם קאמף געגען די יסודות פון דעם איצטיגען ווירטשאפטס־סיסטעם, פאר דער ענטגילטיגער באפרייאונג, פאר'ן סאציאליזם.

א. מ. פייגמאן — פארזיצער
ש. וועבער — סעקרעטאר.

„נייע פאלקסצייטונג",
ווארשע, נאוואליפיע 7.

זעהר געעהרטער גענאסע און פריינד ד. דובינסקי!

פון דער פרעסע האבען מיר זיך דערוואוסט וועגען דעם פריהצייטיגען טויט פון גענאסע ב. שלעזינגער. לײדער איז די ידיעה צו אונז געקומען צו שפעט, מיר זאלען טעלעגראפיש קאנען איבערשיקען אייך אלעמען, געעהרטע גענאסען, אונזער חבר'שען מיטגעפיהל. מיר מיינען, אז איהר פארשטעהט זעהר גוט, וואס פאר א טרויעריגען איינדרוק די ידיעה האט אויף אונז געמאכט. מיר האבען דא גוט געקאנט דעם פארשטארבענעם, זיינען באקאנט מיט זיינע פארדינסטען פאר דער ארבייטער באוועגונג בכלל און פאר דער „אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן" בפרט.

נעמט צו אונזערע אויפריכטיגע חבר'שע מיטלייד־געפיהלען.

נח — פאר'ן צענטראלען קאמיטעט
פון „בונד" אין פוילען.
ש. שוועבער — פאר'ן צענטראלען באקלייד פאריין אין פוילען.